# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יארגאנג — מערץ 1947 לאנדאן — **נומער 3** (העפט 86)

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

„ער דלא ידע"... במקום א לייט־ארטיקל לכבוד פורים היי־יאר — ** .. 1
מגילת אסתר 1947, דער שיכורער סאנעט, א בריוו קיין כפר גלעדי (לידער) — ש מ ח ה ס נ ה .. .. 3
המן — דער משנה־למלך (פעלעטאן) — נ ח ו ם ש ט ע נ צ ע ל .. 6
די שיינקייט, צו וואונדערבאר (לידער) — מ ש ה ע ו ב ד .. 8
דער זעלבער טאג (בלעטלעך פון מיין טאג בוך) — ש מ ח ה ס נ ה 9
לידער אין מיין פעלד־ביכל (לידער) — א. ו ו ע ר ג ע ל י ם .. 12
דער וועג צום מערב א קאפיטל פון בוך פון רוהר ביז דער טעמזע — א ל י ה ו פ א ל ו ש א ק .. .. 14
בלומען וואריאציעס (לידער) — א. נ. ש ט ע נ צ ל .. .. 21
יצא שכרו בהפסדו וועגן ארטור קעסטלערס נאוועלע: „ווי גנבים אין דער נאכט" (רעצענזיע) — ל ע א ק ע נ י ג 24
וועגן חוה ראזענפארבס „די באלאדע פון נעכטיקן וואלד און אנ. לידער" (רעצענזיע) — ד ו ד ז י י ד ע נ פ ע ל ד 37
מיין באגעגעניש מיט ביניש שטיינמאן אין 1919 — ס. פ א ל מ ע 40
דער משפט! מר. בעווינ'ס רעדע — הרב ד ו ב ו ו א ר ש א ו ו ס ק י 43
צי האט יידיש א צוקונפט? (עסיי) — י ו ס ף ה ל ל ל ע ו ו י .. 49
יידיש (רעפלעקסן און שטריכן) — ה ע ר ש ש י ש ל ע ר .. 55
א בריוול פון חנה ראזענפארב .. .. .. .. .. 57
„א גאלדפאדן חלום".... (טעאטער רעצענזיע) — ש. .. .. 58
צום יובל פון ר' אברהם מאנדי — ** .. .. .. .. 63
קולטור ידיעות פון דא — ** .. .. .. .. .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס .. .. 64

פרייז 1 שילינג

אבאנענטס־פרייז:—13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד:—3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

ס. און ב. פלאסטיקס לטד.
פאבריקאנטן און עקספארטערס
21, BERWICK STREET,
LONDON, W.1
*Telephone:* GERARD 7543

זיינוול דיאמאנט
„אונטערן האקנקרייץ"
א באנד נאוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פארלאג א. ב. צעראטא, פאריז. באשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

נ יי - יי ד י ש ט ע א ט ע ר
פאלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאריום: וו. קאסאף, ה. רייפעלזאן, מרס. שאפירא.
טשערמאן: מ. ביטלער. אנפירונג: א. מייזעלס. האנ. סעק.: א. ביטלער.

מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפילער
מרים קאראלאווא און לעאן בלומענזאן

צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב:
פ ר וי ע ן:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלארא מייזעלס, מעטא סעגאל, אנא צעלניקער, איידא שערמאן, מיני שערמאן.
מ ע נ ע ר:— מאררים אקסעלראד, מאקס בוים, פאול גאלדשטיין, הערמאן טונים, דוד סעגאל, א. פוקס, יאזעף שערמאן א.א.
מוזיק דירעקטאר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאק טשעפל

יעדן אוונט פארשטעלונג (פרייטאג געשלאסן)
שבת און זונטאג מאטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

## „פריינט פון יידיש לשון“

בערנארד באראָן סעטלמענט (גרויסער האָל), 33, בערנארד סטריט, א.1.

ארדנט איין זונטיק 9 מערץ 3 א זייגער בייטאג

### א גרויסן קאנצערט פון ליד און ווארט

פּאָעטן און שרייבער וועלן לייענען פון זייערע ווערק
שוישפּילער און זינגער וועלן דעקלאַמירן און זינגען פּאָלקס-לידער

פּארנאַטירט די צייט — קומט אין מאסן

### וויכטיק פאר די לייענער פון „לשון און לעבן“

ווי באוואוסט נעמט אָן דער זשורנאל „לשון און לעבן“ צו דרוקן יעדן מין געזעלשאפטלעכן און געשעפטלעכן אנאָנס פון א גאנצער זייט, וואָס דער פּרייז איז 10 פונט, ביז צו א קליינעם אנאָנס פון 4 שורות פאר 10 שילינג. יעדער אנאָנס איז א ביישטייער און א בוי-שטיין פארן ווייטערן אויפבוי פונם זשורנאל „לשון און לעבן“.

### וויכטיק פאר אונז און פאר אונזערע לייענער

מיר בעטן אונזערע פריינט און ליבהאָבער פונם יידישן וואָרט זיי זאָלן אונז העלפן אין צושיקן אדרעסן פון זייערע באַקאַנטע און פריינט, וועלכע קענען האָבן אַן אינטערעס פאר אונזער זשורנאל און אזוי ארום שטארקן אונזערע קולטורעלע ארבעט. איר קענט פארשטיין, אז ביי אונזערע לאָקאלע באדינגונגען, האָבן מיר נאָך נישט דעם נויטיקן אדמיניסטראַטיוון און טעכנישן אפּאראט, וואָס מען ברויך צום אויסבוי פאר אזא ליטעראַרישן חודש-זשורנאל. „לשון און לעבן“, וואָס האָט זיך דורך די אַלע שווערע מלחמה יאָרן מיט אזוי פיל האָראָוואַניע און מי איינגעוואָרצלט אין אונזער אָרימען ישוב, און וואָס האָט געפונען א גוטן אָפּקלאַנג אויך מחוץ ענגלאנד און מוז ווערן דער קנין און דאָס גייסטיקע אייגנטום פונם יידיש-רעדנדיקן ענגלאנד.

אונזערע חשובע אבאָנענטן, וועלכע באקומען שוין צוגעשטעלט זייט אייניקע חדשים אונזער זשורנאל און האָבן נאָך נישט באצאָלט דעם אבאָ-נענטס-פּרייז, בעטן מיר זייער צו צושיקן די באטרעפנדע סומע:

13/6 פאר א יאָר. אין אויסלאנד 3 דאָלאר.

אין אַלע ענינים זיך צו ווענדן צו אונדזער נייעם סעקרעטאר נחום שטענצעל

N. STENCEL, 7 Glasslyn Road, London, N.8.

די רעדאקציע

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאנג — מערץ 1947 לאָנדאָן — נומער 3 (העפט 86)

## „עד דלא ידע“...

במקום א לייט-ארטיקל לכבוד פורים היי-יאָר

ניין, נישט דאָס פּנים מער מיט סאזשע פארשמירן,
אויף דער אנדערער זייט די קאַפּאָטע פארדרייען,
און „עד דלא ידע“ נעמען די לחיים׳ס,
אין ביטערן טראָפּן צו פארטרינקען די ווייען.

נאָך אזויפיל טויט, נאָך אזויפיל אויסראָטן,
וואָס פאר א וואונדער ווידער און וואָסער לעגענדע?
אפשר לאָז זיך אין א ווילדן קאראהאָד,
א פארשטעלטער אין א גערינג-טענדע-ווערענדע?

דער „מחה תמחה“ און דער „עד דלא ידע“,
ווי נעבעכדיק, קלאָגעדיק זיי ביידע זענען —
א צדיק אין פעלץ פארשטעלט זיך דער רוצח,
צומאָל אים מוחל צו זיין, ווער קען אים דערקענען.

און וואָס איז נקמה און וואָס איז מחילה,
ווען פאר דיינע אויגן דיינע אייגענע ברענען?
כאָטש דאָס אייגענע הארץ זיך ארויסצורייסן,
און אין די פלאַמען עס אריינוואַרפן צו קענען — — —

און איז נישט גאָר דער שולדיקסטער פון אלע גאָט,
אז ער האָט דאָס אלץ צוזען קענען און שטיל בלייבן?
ער גרייט מסתמא שוין פון הויטן יריעות צו,
און מיטן פארקוילטן געביין זיי צו באשרייבן — — —

וואָסער ויזתא וואונדער ס׳וועט זיך באווייזן:
איז שטרייכער נישט א גרעסערער המן געוועזן?
און אויף הויכער תליה ווי ער הענגט דאָס א צינד,
ווי פון הייליקע יריעות ארויסצולעזן.—

גאָטס וואונדער איבער וואונדער, וואָס אויפן גאַלגן,
צווישן די „עשרת“, עס פעלט אויס דער פאָן פּאַפּען,
וואָרום וואָלט מען דען געקאָנט מיט אַלע טיטלען,
מיט איין אָטעם־צי זיי אַלעמען אַראָפּכאַפּן.

און אַן אסתר המלכה מ׳וועט שוין געפינען,
אין זאַלב־אייל אַן אויסגעשמירטע מיט טויזנט חנען....
עד דלא ידע וועלן יידן קרעפּלעך עסן,
שלשלתדיק גרעגערדיק די מגילה ליינען.

איי, וועט מען זיך דאָס שלונעדיק פּאַסמאַקעווען
מיט נירענבערגער טריפהנע „בראַט־וואורשטן־גלעקל“,*
איז דאָך טאַקע דאָס נס אין נירענבערג געשען,
און אַז נישט קיין קאַפּאָטע — איז פאַרדרייט דאָס רעקל!

יאָ, טאַקע „די נירענבערגער מייסטער זענגער“ **
פאַר די פורים־סעודה שוין די קאַטאָוועס־טרייבער — — —
אָ, „עד דלא ידע“, אַ רציחה אַזאַ,
עס צינדט זיך אין מיר אָן צו דעם מגילה־שרייבער:

אַ מאַסקע כאַטש זיך אָנגעטון פולע לבנה,
דורך קרעמאַטאָריום קוימען אין הימל געקראָכן,
אַ פאַרשמירטע אַזוי, מיט ברענענדיקן שייט,
ווי שמשונען אים אַליין די אויגן אויסגעשטאָכן.

אַ געבונדענעם, אַ פאַרבלענדטן פאַרשפּאָטן,
ביי די זיילן פון וועלט אים אַנידערצושטעלן,
אַז איינברעכן ער זאָל זי. און אויף אייביק שוין,
קיין צווייטע ווי די־אָ נישט מער שאַפן צו וועלן.

און אויב ס׳איז אַ ליגן ר׳איז גאָר נישט פאַראַנען,
כ׳וועל אים מיר באַשאַפן, מיין נקמה צו שטילן!
נישט מחילה — ס׳איז „מחה תמחה“ געווען,
פון די אויסגעקוילטע זייער לעצטער ווילן — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, נישט דאָס פּנים מער מיט סאַזשע פאַרשמירן,
און פאַר איין טרונק בראָנפן אַלצדינג שוין פאַרצייען....
דעם שטן אויף דער וואַנט כ׳וועל מיר גאָט אויסמאָלן,
אויב אַן אל חנון ר׳וויל זיין מיט אונזערע ווייען.



שמחה סנה

## מגילת אסתר 1947 *

געווידמעט דעם אַלטן עבד־אַללה (עובדיהו) אין קערמאַנשאַך

האָב איך געוואַנדערט מיטן ווייטן, ווייסן שליאַך,
ביז כ׳בין געקומען צו אַ שטעטל: קערמאַנשאַך.

ליגט דאָס שטעטעלע אין פּערסיען, דער מדינה,
אינמיטן ברוינע בערג — אַ פלעק אַ גרינער.

זיצט אַ זקן אויף אַ באַנק פון ווייסן שטיין,
ווי מרדכי הצדיק וואָלט געזעסן דאָרט אַליין.

(נאָר ס׳וועט אסתר מער נישט רופן אים פון גאַניק,
אַ געשענדעטע האָט מען פאַרברענט זי אין מיידאַנעק.)

קוקט דער זקן אויף מיין גרינעם קאַסק, און שטיל,
טוט ער מיך אַ פרעג נישט זיכער: איסראַאיל?!!!

פאַרלעגן שטיי איך מיט מיין ביקס און די פּאַטראָנען,
ווייל כ׳קאָן זיך אָט דעם נאָמען נישט דערמאָנען.

נאָר פלוצלינג רייסט פון מיר אַרויס זיך אויפן קול:
— דאַ, דאַ! אָ טאַק! קווייט שור! יאָ! ייסראָאל!!!

לייכט ער אויף מיט פרייד, מיט גרויסער און מיט שטילער,
און ער שענקט מיר אַ מתנה, אַ פּאָר תפילין.

און ער נעמט מיך אויף מיט כבוד, ברויט און זאַלץ,
און ער הענגט אָן זיין קמיע אויף מיין האַלדז.

---

שמחה סנה, דער יונגער פּאָעט, וועלכער דרוקט זיך דאָס ערשטע מאָל אין „לשון און לעבן“, — פאַרגעלייענט פון זיינע נאָכנישט געדרוקטע כתבים ביי די יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס צו אונזער אַלעמענס באַגייס־טערונג פאַר זיין טאַלאַנט! — איז אַ סאָלדאַט פון דער יידישער בריגאַדע און שטאַמט פון פולאַווו אין פוילן. אויף זייט 8 דרוקט זיך אויך עפּעס פון זיין פּראָזע.

* רעקאָנסטרואירט פון אַ ליד געשריבן אין כאַנאַקין־איראַק, מערץ, 1943

פאַלט זיין טיף־פאַרזאָרגטע שאלה: נו, און המן?
ברומט מיין ביקס אין ביקסן־לשון: קאַמף־נקמה!

איז אים ליב די חכמה פונעם שוואַרצן שטאָל,
און ער קוקט מיך אָן א מאָל און נאָכאַמאָל.

מעסט ער אָפּ מיין הייך, מיט אויגן מיט דערפרייטע,
מיין אָפּגעברענטקייט, און די פּלייצעס מיינע ברייטע.

זיין פאַרמעט־האַנט רירט אָן די ביקס מיט צאַרטן גלעט,
און אויף זיין געלן נאָגל פּרואווט ער מיין באַגנעט.

און א צופרידענער פאַרטרויט ער מיר אין פליסטער,
אַז „אויב אַזוי" איז אָט־אָט רופט אים אסתר.

האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און צום וועג אַהין
בין איך אַנטלאָפן און געלאָזט גיין די מאַשין,

און איך האָב מיטגענומען מיט מיר ווי א גנב,
אסתר'ס סוד אין קרעמאַטאָריע פון מיידאַנעק.

## דער שיכור'ער סאָנעט

איינגעוויקלט איז די נאַכט אין בלויע פּליושן,
שטיל איבערגעדרייט איך האָב דעם שליסל אין דער טיר,
היינט וועל איך דיך סתם אַזוי נישט קושן,
היינט מוזטו זיך איינזאַפּן אין מיר.

דיין ברוסט, זי ציטערט ווען איך נעם זי גלעטן,
דיין שוים איז רירעוודיק, און אומרואיק די פיס,
פּלוצים מאַכסטו ליכט, מיט אויגן ווי שטילעטן
דו שטעכסט מיך דורך און דורך. ס'איז תאווה'דיק און זיס — — —

איך פּיל: איך בין אין דיר, און דו פילסט מיך דעם גאַנצן,
עס נעמט מיך אויף דיין ווייכקייט, וואָס איז ווי מאַמע־ערד,
אין קאָפּ דרייט זיך א גרויסער, שיכורדיקער ראָד — — —
געבוירן ווערט אין פלאַמען, דער ווילן צום פאַרפלאַנצן,
און וואַקסנדיק, פאַרפּילפאַכיקט, צעווילדעוועט, פאַרמערט,
באַטרעטן מיר די שוועלן פון מיסטעריעזן סוד.

כפר גלעדי, 12־5, 1943



## א בריוו קיין כפר גלעדי

ס'וועלן ווערטער אַוועק אין די ווייטן,
ביז צו דיר דאָרט אין באַרגיקן צפון,
און פאַרשטויבטע פון וועג און דערפרייטע,
זיך פאָרמירן אין ריטמישע סטראָפן.

ס'וועט דיין בליק, א דערשטוינטער און בייזער,
מיט מיין יידישן פערז זיך פאַרמעסטן,
(דיינע פינגער — צעפלויגן נערוועזע,
דיינע ליפּן — פאַר'עקשנ'ט פאַרפּרעסטע.)

ס'וועט די נאַכט שטיין א זומערדיק שטילע,
ס'וועט די נאַכט זיין א ציענדיק־באַנגע,
וועסטו פרעגן: און איצטער וואָס וויל ער?
וועסטו פרעגן: וואָס קאָן ער פאַרלאַנגען?

וואָלט איך וועלן: מיין ליד זאָל זיין פּשוט,
פונקט ווי פּשוט געווען איז מיין מאַמע,
ווי א קינדערשער „בורא נפשות",
געהילט אין פאַרנאַכטיקן סאַמעט.

וואָלט איך וועלן: מיין ליד זאָל זיך שטראָמען,
ווי סע שטראָמט צווישן פעלדער א טייכל,
א טייכל א קליינס, אָן א נאָמען,
נאָר באַצירט מיט א זוניקן שמייכל.

וואָלט איך וועלן: מיין ליד זאָלסט דערפילן,
ווי די ציטריקע טויאיקע טראָפּנס,
וואָס טריפן פון צווייגן אין פרילינג,
דורכן אָפענעם פענסטער צוקאָפּנס.

וואָלט איך וועלן דאָס אַלעם דערגרייכן,
וואָלט איך וועלן דאָס אַלץ דיר אויסטייטשן,
און מיר דוכט זיך, איך זע שוין א שמייכל,
גלייכט אויס אויף דיין שטערן די קנייטשן.

און א חוץ דעם, וואָס קאָן איך רעדן וועלן,
און א חוץ דעם, וואָס קאָן איך פאַרלאַנגען,
און די נאַכט איז א זומערדיק שטילע,
און די נאַכט איז א ציענדיק באַנגע.

סאַראַפאַנד, 7־5, 1944

## נחום שטענצעל

# המן — דער משנה למלך
(פעליעטאָן)

די קאַריערע פון המנ׳ען איז אַ זער אינטערעסאַנטע און אינטריגירנדע; ער האָט „דערגרייכט" דעם העכסטן אַמט פון אַ משנה למלך אין מלך אחשורוש׳נס גרויסע אימפּעריע, נישט האָבנדיק אַדורכגעמאַכט פריער דיפּלאָמאַטישע שולע, ווי דערשטייגער, נאָר זיך אַרויפגעכאַפּט צו אָט דעם הויכן מלוכהשן פּאָרטפעל דורך זיין אייגענע פּיפּיקייט און פּערזענלעכקייט, ממש פון די אונטערשטע שיכטן פונם פאָלק. ער איז געווען דער טיפּ פונם פּאָפּולערן פאָלקס־מענטש, וועלכער קלעטערט אַרויף אַזש ביזן העכסטן שטאַפּל אויף די פּלייצעס פון דער מאַסע.

• •

פאַרשטייט זיך אַז המן איז געווען אַ דעמאַגאָג, „פּאַר עקסעלאַנס". ער האָט שטענדיק געהאַט פאַר יעדוועדן דאָס ריכטיקע — פאַלשע וואָרט, צו דער ריכטיקער צייט; ער פלעגט אויך קענען געבן זיינע ווערטער אַ לבוש פון איבערפלעכלעכער לאָגיק; און דערצו האָט ער זיינע רעדעס תמיד געהאַלטן מיט אַזאַ באָמבאַסטישן שוואונג, אַז עס האָט זיינע צוהערער פאַרבליפט און פאַרבלאָפט; און אַ אָנשטעל פלעגט ער מאַכן, ווי אַ שטייגער זיינע דיבורים וואָלטן געקומען פון דער טיפניש פון זיין נשמה — בשעת אין דער אמתן פלעגן זיי גאָר קומען פון זיין בויך, ווי ביי אַלע טאַלענטירטע דעמאַגאָגן.

• •

די געניטע און געשולטע דיפּלאָמאַטן, אין המנס צייט, האָבן זיך שוין אַביסל אָוועקגערוקט אין אַ זייט; עפּעס האָבן זיי דערפילט מיט זייערע ראַפינירטע חושים, אַז אחשורושנס אימפּעריע וואַקלט אַביסל אונטער, הגם פאַרן נישט־געניטן אויג האָט עס נאָך אויסגעזען שטאַרק און פעסט, און זיין גרויסן פּאַרנעם, פּראַכט און גלאַנץ.

אַזעלכע בין־השמשותדיקע צייטן זענען דער בעסטער שעת־הכושר פאַר דילעטאַנטישע דיפּלאָמאַטן, אויפגעקומענע פאָלקס־מענטשן, פּאָפּולערע דעמאַגאָגן, צו געבן אַ רייט אַרויף אויף דער סצענע מיט זייער באָמבאַסטישן אימפּעט.

דאָ האָט דער דילעטאַנט־דיפּלאָמאַט, המן, דערפילט, מיט זיין פּראָסטן חוש, די „טשאַנס" פון זיין לעבן; ער האָט זי טאַקע נישט אַדורכגעלאָזט און איבערגעכאַפּט איז ער געווען פּרעמיער און אויסן־מיניסטער פון אחשורושנס גרויסער אימפּעריע, און שטאָלץ אויף זיין גראָבן פינגער געטראָגן דעם טבעת־המלך.



ווען המן איז געקומען צו דער מאַכט האָט ער אָנגעטראָפן די מלוכהשע פינאַנצן, און די גאַנצע עקאָנאָמיע בכלל, נישט אין קיין פריילעכן מצב; די פאַרשידענע פעלקער פון אחשורושנס 127 מדינות זענען געוואָרן אומרוהיק. וואָס קען שוין דאָ זיך אָן עצה געבן דער „שטאַאַטס־מאַן" המן וואָס האָט נישט געהאַט די מינדעסטע ידיעה פון מלוכה־שער אַדמיניסטראַציע און דיפּלאָמאַטישן שאַרפזין אַ חוץ זיין ביסל דעמאַגאָגישן טאַלאַנט, וואָס סטייעט נישט אויף קאָנסטרוקטיווע אויפטוען ?!

האָט ער, המן, פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט — צו דער נעגאַטיווער־דעסטרוקטיווער; ער האָט תיכף־ומיד געגעבן אַ באַפעל צו זיין סטאַטיסטישן דעפּאַרטמענט אים צוצושטעלן די צאָל יידן, דעם „עם מפוזר ומפורד", אין זיין אימפּעריע; און כהרף־עין, האָט ער געהאַט זיין סאַנירונג־פּלאַן פיקס־און־פאַרטיק; אי עס וועט געפעלן ווערן אין די אויגן פון אחשורושן, אי פון די פאַרשידענע פעלקער, וועמען די שנאה צו יידן — ווייל „ודתיהם שונות מכל עם" — וועט זיי אַלעמען פאַראייניקן אין לאָיאַליטעט צום קעניג־אימפּעראַטאָר.

ער האָט קיין טעות נישט געהאַט, המן, בנוגע דער פּאָפּולאַריטעט פון זיינע אַנטיסעמיטישע פּלענער, סיי ביים פאָלק, סיי ביים קעניג; בלויז זרש, די קלוגע מכשפה, האָט זיך געהאַט אירע ספקות; זי האָט געוואוסט אַז נישט איין המן האָט זיך שוין געקרעקט מיט אַזאַ האַרטן ביין ווי עס איז ס׳יידישע פאָלק — און זי האָט אויך גוט געקענט די מענטשלעכע שוואַכקייטן פון איר מאַן...

נישט איין מאָל האָט זרש זיך ביי אים געבעטן ער זאָל ליבערשט רעזיגנירן און איבערלאָזן דעם כבוד פאַר די אַריסטאָקראַטישע דיפּלאָמאַטן צו ראַטעווען אחשורושנס אימפּעריע, און נישט טשעפּען מיט די יידן, וועמענס שוואַכקייט איז אַ פאַרפירערישע, בלויז לפנים, און אין דער אמתן זענען זיי גאָר קיין שוואַכע נישט....

אַ דעמאַגאָג, אַ שונא־ישראל און דם־שונא ווי המן, אויב אפילו ער האָט טיף אין זיין האַרץ געהאַט אַ געזונטן רעספּעקט פאַרן יידישן כח, ווי עס פלעגט זיך ביי אים ענטפּלעקן לגבי דעם שטאָלצן יידישן אַריסטאָקראַט מרדכי, האָט אָבער דאָך, סוף־כל־סוף, נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון דערגרייכן אַ ביליקן נצחון אויפן זאָטל פונם יידישן פערדל....

האָט ער שוין דערפאַר שפּעטער אַליין געמוזט פירן, אין די גאַסן פון שושן, דאָס זעלבע פערדל אויף וועלכן ער האָט געוואָלט רייטן — און געמוזט אויסרופן „ככה יעשה לאיש" — אַזוי מוז מען באַהאַנדלען די וואָס האָבן נאָך דערהאַלטן דעם צלם אלקים....

## משה עובד

### די שיינקייט

די שיינקייט, וואָס האָט מיך מיט גאָלד באַשטויבט,
האָט מיך אויך פערבלענדעט פון צו זען דיך בערויבט;
די שענע זאכן, וואָס האָבן פאַר מיר סודות ענטפלעקט,
וויי איז מיר! האָבן אויך אין מיר תאוות געוועקט.

אָ, העלף מיר גאָט, צו קענען ביישטיין דעם נסיון
פון שבחים פון פריינד און פון שענע פרויען;
העלף מיר, גאָט, העלף — צו זיין איך, —
צו טראָגן מיינע אייגענע שיך
און איבערלאָזן פוסטריט אייגענע נאָך זיך.

### צו וואונדערבאר

ווען איך האָב נאָר געזען דיין אויסערלעכע שאָל,
שוין בין איך געוואָרן אזוי נתפעל;
וואָלט איך נאָך געזען דאָס קערנדל באהאלטן —
וויאזוי, רבש"ע, וואָלט איך עס געקאָנט אויסהאלטן?

ביז איצט האָסט מיר נאָר די הויט ענטפלעקט —
וואָס וועט ערשט זיין ווען דיין ערד און הימל
וועט נאָך ווערן אויפגעדעקט
און וועסט מיר ווייזן פון די בלומען די קוואלן
און דיינע קרוינען, פונוואַנען שטערן פאלן?

די קריסטאָלענע, קילע יסודות, פונוואַנען ס'פליסט די רו
שטארקער פון די הערנער פון דעם באָפאלו,
דעם אויוון, וואו מ'באַקט דעם פעלזיגן פלינט
און די מילן, וואו מ'מאָלט דעם דינסטן ווינט —

צו זען דאָס אַלעס, אָ, מיין האר,
וועט דאָך זיין שוין צו וואונדערבאר.



## שמחה סנה

### דער זעלבער טאג

(בלעטלעך פון מיין טאָג־בוך)

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון מיין מאַמען טובה בת אהרון־דוב

1

. . . און ס'קאָן זיין, אַז מיט אָט דעם העפט וועט געשען דאָסזעלבע, וואָס עס איז שוין מיט אַזוי פיל מיינע שרייבעכצער געשען: דהיינו, אָדער איבער־געלאָזט אין עפּעס אַ דורכגאַנג־פּונקט, אָדער ערגעץ פאַרוואַלגערט געוואָרן אין אַ צופעליקער אכסניה; אָדער איינער פון אָטדי שטאַרקע, עקשנותדיקע ווינטן, וואָס האָבן מיר שטענדיק גלייך אין פּנים געבלאָזן, האָט זיי אַוועקגעטראָגן. ווער קאָן עס וויסן. איך ווייס נאָר, אַז שטענדיק, ווען דער שטורעם איז איינגעשטילט, אַפילו ווען עס איז נאָר צייטווייליק, שטענדיק ווען איך בלייב אויף אַ ווייל זיצן אין אַ שטילער ווינקעלע, שטופּט זיך די פעדער אויפסניי אין האַנט, און איך שרייב, שרייב.. נאָכוואָס?.. נאָכוועץ?

— — — — — — — — — — — —

האָבן זיך שטענדיק דריי זאַכן אין מיין קינדערישן זכרון געפלאָנטערט:

— מלחמה — מיט דעם גאַנצן פּליאָנטער פון אַרומוואַלגערן זיך אויף ווייטע, פרעמדע, ברייטע וועגן, מיט הונגער, נויט, שרעק און קעלט — — — —

— דער ווייט צעצויגענער ווייסל־פאָס — אַן אומרואיקער, אַ גאָלדענער, סודות'פולער, און שרעקעוודיקער צוזאַמען — — —

— מיין מאַמעס ברענענדיקע אויגן — טיפע שוואַרצע דערבאַרעמדיקע אויגן, פול מיט חיה'שער ליבע און מענטשלעכער צערטלעכקייט, בעטענדיקע און דראָענדיקע און מוטיקע, גלעטנדיקע און שלאָגנדיקע צוזאַמען — — —

און ווען איך זאָל וועלן אָנצייכענען דאָס ערשטע בילד, וואָס האָט זיך אין מיין קינדערשער געדעכעניש איינגעקריצט, דאַרף עס זיין:

מיר פאָרן אַרויס פון אַ קלייך שטעטעלע פאַרנאַכט, אין אַ שפּעט זומערדיקן פאַרנאַכט, אין באַגלייטונג פון ווייטע האַרמאַטן־שאָסן. איך פיל אויף מיין קאָפּ מיין מאַמעס האַנט, און זע אירע אויגן געווענדעט צוריק צום שטעטל, וועלכעס שטייט געבאָדן אין אונטערגאַנגס־פּורפּור, און אַרומגענומען מיט דער ברענענ־דיקער סטענגע פון דער ווייסל.

מאַמע! מאַמעשי!

2

1939. דעצעמבער. אין רוסלאַנד.

פראָסט — שטאַרקע פראָסט.

איך אַרבעט אין קוילן־שאַכטע. יעדן טאָג טו איך אָן מיין לייכטע „ספּעצאַ־דיאַזשדע" מיט דעם האַרטן היטל (אַ שוץ קעגן שטיקער שטיין אָדער קויל, וואָס פאַלט פון דער הייך), דאָס קליינע קאַרבידענע לעמפּל אין האַנט, און איך לויף אַדורך שנעל דעם הויף גלייך צום אָפענעם שוואַרצן שאַכטע־מויל. אַבי נאָר אַראָפּגעפאָרן עטלעכע הונדערט מעטער טיף, איז שוין קיין פראָסט נישטאָ. און אונטן ביי דער אַרבעט איז שוין איינמאָל אַ וואַרעמקייט, שוין אַביסעלע צו וואַרעם.

איך האָב אַזויאַרום זיך צוגעקילט דעם האַלדז. אַנגינע. אַן אַפּצעס אויפן מאַנדל. די טעמפּעראַטור: 39.5°.

דער גן־עדן פון דאַנבאַס: דאָס שפּיטאַל:

— — — ווייסע שוועסטערן גייען אום און שאַרכן מיט די האַרט־געפּרעס־טע פאַרטיכער. אינדערפרי — אַן אוצר: אַ הייס גלאָז מילך. מען רעדט שטיל, מען מעסט די היץ, און מען פאַרשרייבט עס. נישטאָ קיין מיטינגען. נישטאָ קיין לאָזונגען. ס'איז ווייס און וואַרעם. — — —

אַנגינע. די היץ שטייגט.

און איך דערזע:

— — — איך זיץ מיר ביי מיר אין שטוב. אין וואַרשע. גראָד בין איך אַהיימגעקומען פון גאַס, פון דער אַרבעט. וואָס האָב איך דאָס צו טון איצט? אַהאַ! מען דאַרף צוגרייטן דעם מאַרשרוט, און אַנצייכענען איינצלהייטן פאַר מיין מאָרגענדיקער אַרבעט. מען דאַרף דורכקוקן די רעכענונגען. מען דאַרף עפּעס טון. יאָ, עפּעס טון.

איך לעש אויס דעם גרויסן הענג־לאָמפּ, און צינד אָן דאָס קליינע אַרבעט לעמפּל אויף מיין שרייב־טיש. אין שטוב איז וואַרעם. איך האָב אויסגעטון די שיך און אַריין אין די שטוב־פּאַנטאָפל. איך האָב אויסגעטון דאָס אַנצוג און אַריין אין שלאָפראָק. ס'זייד פון שלאָפראָק איז אָנגענעם פאַרן מידן קערפּער. איך זונק אַריין אין טיפן, אין ווייכן פאָטעל, ס'איז אַזוי טיף און ווייך, טיף און ווייך — —

דער טעלעפאָן קלינגט.

ווער רעדט? ניוסיאַ? וואָסזשע, קליינטשיקע מיינע? יאָ, איך געדענק. אודאי געדענק איך. איך וועל זיין פּינקטלעך, מיין עופה'לע! וואָס איך טו? איך אַרבעט. וואָס? דו וועסט זיין ביי מיר אידער איך וועל באַוויזן אַריבערקומען צו דיר? נו, זאָל זיין אַזוי, איך וואַרט. דורכן טעלעפאָן איז אַזוי שווער אַ קוש איבערצוגעבן — — —

ווער שרייט?

וואָס איז דאָ?

— ש מ ח ה! . . .

לאָזט מיך! ווער האַלט מיך צו? ניוסיאַ! לאָז אָפּ, נאַרעלע! איך קום באַלד צוריק. די מאַמעשי רופט מיך. ס'האָט עפּעס געמוזט געשען מיט איר —

ס'איז נישט ניוסיאַ, ס'איז די ווייסע שוועסטער — טאַניאַ — מיט דעם מאָדנעם גריכישן ביינאָמען. די צאַרטע מיידלשע הענט האַלטן פעסט, פעסט מיין אָרעם. איך קאָן זיך נישט רירן.

— טי טשעוואָ פּוסטי!

— ניעט! ניעלזיאַ . . .

— ש מ ח ה!!! מיין טייערער! . . . שנעלער!..

— פּוסטי, אַ טאָ יאַ טיעביאַ . . .

און אַ פויסט, אַ צונויפגעדריקטע האָט זיך אַרויסגעריסן פון טאַניאַ'ס פעס־טער אומאַרמונג. נאָך אַ ווילע, און די פויסט פאַרפאַרט איר, דער גוטער, שוואַרץ־חנ'עוודיקער טאַניאַ, גלייך אין פּנים אַריין.



אָבער פּלוצלינג האָב איך גאָר נאָנט דערזען:

מיין מאַמעס אויגן הענגען איבער מיר. אירע אָרעמס אויסגעצויגן צו מיר. די הענט, די אָפּגעפּראַצעוועטע הענט מיט די פון נאָדל צעשטאָכענע פינגער ציטערן, ציטערן. אין די אויגן אַ פּייערל צאַנקט. צינדט זיך אָן און לעשט זיך, צינדט זיך אָן און לעשט זיך. איך קאָן מיט קיין אבר נישט רירן. און ווידער, איין גרויסער, יאָמערדיקער געשריי:

— ש מ ח ה! . . .

עס האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן פון ערגעץ אינדערהייך און אויף מיר אַרויפּ־געפאַלן. ס'איז מיר אַזוי שווער, אַזוי שווער. פאַרוואָס איז די שטוב אַזוי פיל־פאַרביק? געלע פלעקן אויף די ווענט. ניין. נישט געלע, גרינע. אָבער ניין ס'איז בלאָע, טונקל בלאָע, טיף־פיאָלעטע, שוואַרצלעכע מיט רויטקייט געמישט. דאָס רויטע פאַרשווינדט. שוואַרץ. אַלץ שוואַרץ.

ס'איז אַזוי טיף, און ווייך, און מיד — — —

ס'איז אַזוי שוואַרץ — — —

— — — — — — — — — — — —

— סיעניאַ! וואָס האָסטו אַזוי געשריגן? טשאָרט איינער? האָסט דעם גאַנצן שפּיטאַל אויפגעוועקט. און האָסט מיך געוואָלט שלאָגן. מיך שלאָגן? האָ?

טאַניאַ'ס שוואַרצע אויגן קוקן אָפּער קאָקעטירנדיק פון אונטער דעם ווייסן, געקראָכמאַליעטן שוועסטער־טוך. זי קוקט זיך אום. ס'איז שטיל. די קראַנקע אַרום שלאָפן. זי בויגט זיך אָן איבער מיר. ווישט אָפּ דעם שווייס פון מיין שטערן, און טרערן, יאָ, טרערן פון מיינע באַקן. איך פיל אירע פולע ליפּן אויף מיין באַק.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך זאָג צו איר:

— טאַניאַ! מיין מאַמע איז געשטאָרבן. יאָ, איצט . . .

זי קוקט מיך אָן מיט נישט פאַרשטענדיקע אויגן.

* * * *

פון אַ בריוו וואָס איך האָב שפּעטער באַקומען פון מיין שוועסטער:

. . . מ'האָט אַרויסגעטריבן אַלע ייִדן פון פּ. מ'האָט אונדז געיאָגט מיטן ברייטן וועג וואָס פירט קיין אָ. די מאַמעשי האָט געהאַט היץ. מיר האָבן געהאַט געבעטן, דורך דער פאַרמיטלונג פון דר. קיסקי, מען זאָל מיר דערלויבן צו בלייבן מיט איר אַ טאָג, צוויי, די היץ זאָל אַראָפּ. נאָר ס'האָט נישט געהאָלפן. מיר האָבן געמוזט זי אַרויפלייגן אויף אַ פור און מיטנעמען. זי איז אויסגעגאַנ־גען אין וועג. זי איז געשטאָרבן אויף דער פור. איך קען נישט שרייבן מער. גוסס'דיק, האָט זי אַלע קינדער אויסגערעכנט אָבער גערופן האָט זי בלויז דיך, נאָר דיך, ביז צום לעצטן אָטעם . . . איך שרייב דיר דעם טאָג, זאָלסט וויסן ווען ס'איז יאָרצייט . . .

איך האָב פאַרגלייכט דעם דאַטום. יאָ. ס'איז געווען גענוי דער זעלבער טאָג.

מאַמע! מאַמעשי! . . .

לוואָוו, מערץ, 1940.

## א. ווערגעלים

(צוגעשיקט פון מאָסקווע)

# לידער אין מיין פעלד - ביכל

וואָס יעדער קאָמאַנדיר טראָגט מיט זיך אין שלאַכט, כדי פאַרשרייבן אין דעם זיינע באַאָבאַכטונגען, שלאַכט־ראַפּאָרטן.

### דער דיכטער אויפן פראָנט

אַט אַזוי קומט אַמאָל, אין אַליאַרעם,
ס׳פּאַסיק וואָרט, און דער דיכטער — סאָלדאַט
די פאַרפרוירענע פינגער דערוואַרעמט
בא דער גליאיקער רער פון האַרמאַט.

אויף די וואָכנדיק — זעלנערישע לידער
דאָס געפעכט האָט ממשלה געהאַט,
ווייל דער שטוים פונעם שאָס גיט זיך איבער
צו דער האַנט, וואָס צילט אָן דעם האַרמאַט.

### דעם זינגער

ווען דו זינגסט וועגן פויגל, פאַרגעס ניט זיין חרובע נעסט,
ווען דו זינגסט וועגן מענטשן, זיין חרובע היים ניט פאַרגעס.

ווען מיט ווי און מיט ליד הייבסטו אָן דיין פאַרבלוטיקטע ליד,
איז פאַרענדיק מיט פרייד, און דעם מוט שטעל אוועק אין דער מיט.

ווען דו זינגסט וועגן פויגל, געדענק, אַז די הייך אים געהערט.
ווען דו זינגסט וועגן מענטשן, פאַרגעס ניט זיין היים אויף דער ערד.

### מיט טשוואַשן

ווילן די טשוואַשן מיך פאַרחידושן,
זינגען זיי אַ ניגון אויף טשוואַשיש.
ווען איך לייען אַ ליד זיי דורך אַ יידישע,
פרעגן זיי מיך זיבן שווערע קשיות.

אַלץ פאַרטייטשט. אַ נייע ליד פאַרפאַסן מיר:
פלעכטן איבער טרוימעריש און צערטלעך
דעם באַטעמטן ניגון דעם טשוואַשישן
מיט די יידישע די שיינע ווערטער.



### דאָס רוסישע פעלד

די באַשערטע ערד, די ערד די רוסישע
וועל איך צודעקן מיט זיך אַליין,
וועל איך צערטלען זי, מיט ווייטיק קושן זי.
אויף אירע אומוועגן זיך לאָזן גיין.

צווישן פניאָקעס, איבער גראָז געלן
דורכגיין ציטריק, ווי פאַרשעמט,
פאַר אַ ביימעלע, פאַר אַ בעריאָזקעלע
גרייט אַ וואָרף טאָן זיך אויף קידוש־השם. —

ניט ווייל ס׳לעבן גרינג איז אָפּגעבן
פאַר אַ בוימעלע אין פעלד,
נאָר ווייל ס׳רוסיש פעלד דעם שונא אָפּטרעטן
הייסט אים אָפּטרעטן די גאַנצע וועלט.

### מיין לוין

פאַר מיין יוגנט איז דאָס שלאַכטפעלד ווי געמאָסטן,
ווינט פון שלאַכט געהוידעט האָט מיין וויג.
וויפל בלוט דער זיג זאָל מיך ניט קאָסטן,
וועל איך אים אוועקנעמען באַם קריג.

מאָרגן וועט מיר אָפּדאַנקען דאָס לעבן,
אויב אפילו פאַלן וועל איך טויט.
ס׳וועט דער סאָד דערמאָנען מיך מיט עפל,
און דאָס פעלד וועט לויבן מיר מיט ברויט.


„אין זכות פון די טעג“ 3/6
„אין חדר אריין“ 5/-

פון

משה עובד

צו באַקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

# אליהו פּאַלושאַק

## דער וועג צום מערב *

אין אַ רואיקן שבת אָוונט אין חודש יולי 1921 בין איך געשטאַנען מיט מיין טשעמאָדאַנטשיקל אין דער האַנט אויף אַ פּעראָן פון דער מאַגדעבורגער הויפּט־סטאַנציע און געוואַרט אויף מיין צוג. פון צייט צו צייט האָט איך געקוקט אויפן זייגער כדי פּעסטצושטעלן, וויפל מינוטן ס'זענען מיר געבליבן ביז צום אָפּפאָרן. איך האָב נאָך געשווינט געוואָרפן אַ בליק אין דער ריכטונג פונם „ברייטן וועג", דער הויפּטגאַס פון דער אַלטער און אַמאָל רייכער פּאַטריציער־און האַנדעלסשטאָט, וואו איך האָב געלעבט און געאַרבעט איבער צוויי יאָר. קיינער פון פריינט אָדער באַקאַנטע האָט מיך נישט באַגלייט צום צוג. עטלעכע פון זיי זיינען זיך שוין צופאָרן פריער: ווער צוריק נאָך פּוילן און ווער נאָך פראַנקרייך אָדער אַמעריקע. געבליבן זענען נאָר די, וועמען דער גורל האָט פאַר אייביק אָדער אַ געוויסע פּעריאָדע צוגעשמידט צום אָרט. צו די דאָזיקע האָט געהערט די פאַמיליע ג., יונגעלייט פון פּויליש־אויבערשלעזיען מיט אַ ליב באַחנט זונדעלע, ביי וועמען און מיט וועמען איך האָב אָפּט פאַרבראַכט מיין צייט אין די לעצטע חדשים. איך האָב מיך שוין געהאַט נעזעגענט מיט זיי פרייטיק־צונאַכט און געהאַלטן בסוד די גענויע צייט פון מיין אָפּרייזע. טראָגנדיק די לייכטע לאַסט פון אַ יונגן לעבן, — איך בין דאַמאָלסט אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר, — האָב איך פיינט געהאַט אַלע ביליקע סענטימענטן און איבערגעטריבענע זיי־געזונט סצענעס.

איך קען נישט זאָגן, אַז עס איז מיר געווען סמוטנע אויפן האַרצן, פאַרלאָזנדיק אָט דעם אָרט, וואו איך האָב איבערגעלאָזט אַ שטיק פון מיין יונגנטלעכן לעבן, ליבע און האָפענונג. אויך זי איז נישט געקומען צו דער סטאַציע. זי האָט אויך נישט געוואוסט, ווען איך פאַרלאָז די שטאָט. און דאָס איז געווען גוט אַזוי. מיר האָבן געוואוסט, אַז ביי דער פאַרשידענאַרטיקייט פון דערציאונג, סביבה און כאַראַקטער זענען מיר נישט באַשאַפן געוואָרן איינער פאַרן אַנדערן. איך האָב אין די שפּעטערע יאָרן גוט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט קלוג געהאַנדלט קעגן מיר, ווען זי האָט באַשלאָסן, אַז אונדזערע וועגן מוזן זיך אויסאיינאַנדערגיין. מען האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז זי האָט אין פּאַריז חתונה געהאַט מיט איינעם פון אונדזערע חברים.

דאָס אַליין־זיין מיט מיין טשעמאָדאַנטשיקל האָט מיך נישט באַטריבט. ס'האָט ביי מיר געהערשט דאָס געפיל פון אַ מענטש, וואָס אים שטייט פאָר אַ לוסטרייזע מיט אַ באַשטימטן פּלאַן און ציל. יאָ, אַ ציל האָב איך געהאַט און אפשר אַ שטיקל פּלאַן אויך. אין דער שטאָט ג—ך אינם רוהרגעביט האָט געוואוינט מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, אַ שיינער און פריינטלעכער יונג, וואָס האָט מיך זייער ליב געהאַט. אַמאָל, זייענדיק אין מאַגדעבורג, האָט ער

* דאָס ערשטע קאַפּיטל פונם בוך „פון דער רוהר ביז צו דער טעמזע".



צו מיר געזאָגט, טאָמיר געפעלט עס מיר נישט אָט־אָ־דאָ, זאָל איך קומען צום רוהר־געביט. דאָרט איז דאָ אַ סך אַרבעט און אַ צוקונפט. און אַז כ'וועל קומען, זאָל איך קומען צו אים.

מיין טשעמאָדאַנטשיקל איז געווען אַ מין קאָרב־געפלעכט פון ווײַדן־צווייגן, וואָס מען זעט שוין היינט נישט אויף קיין שום האַנדלסמאַרק. אינווייניק זענען געלעגן צוזאַמענגעלייגט און אויסגעפּרעסט אונטערוועש און אויבערוועש, אַ פּאָר שטיקלעך מלבושים, און צווישן אַלעם אַ פּאָר ביכער אָן וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געפלעגט צו רייזן, און אַ קאָנווערט מיט צוועלפהונדערט שוין אינפלאַטירטע דייטשע מאַרק (משטיינסגעזאָגט !). דער דאָזיקער קוווערט האָט מיט זיין מאָגערן אינהאַלט מיר געגעבן אַ ביסל זיכערקייט, זעלבסטרעספּעקט און זעלבסט־באַוואוסטזיין.

איך האָב אין דער דאַמאָלטיקער צייט פּראַקטיצירט אַ שטאַרק־דיסציפּלינירטע שפּאָרזאַמקייט, וועלכע איז מיר זייער צונוץ געקומען. די דאָזיקע שפּאָרזאַמקייט האָב איך אויך אָנגעווענדעט אין מיין איצטיקער רייזע. איך האָב געקויפט דעם ביליקסטן בילעט פון אַ פּשוטן פּאַסאַזשיר־צוג, וואָס פלעגט האַלטן אויף יעדער קליינער סטאַנציע. . . . מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי לאַנג אַזאַ נסיעה פון מאַגדעבורג ביז צום רוהרגעביט האָט געדויערט. מיך האָט עס נישט געאַרט. מאָרגן איז זונטיק, און מאָנטיק ברויך איך נישט גיין צו דער אַרבעט. הלואי ציט זיך דער מהלך פון דאָ ביז צו דער גרעסטער קוילן־שטאָט פון אייראָפּע נישט פינף־הונדערט, נאָר צען טויזנט קילאָמעטער איבער שטאָק און שטיין, איבער באַרג און טאָל, איבער טייכן און אָזשערעס. . . . איך האָב אפשר צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געשפּירט דעם תאווה'דיקן גענוס פון עגאָאיזם. — הינטער מיר ליגט אַנ'אָפּשניט פון מיין יונגען לעבן, דער באַאַמטער מיטן רויטן היטל גיט דעם לאָקאָמאָטיוו־פירער דעם באַשטימטן סיגנאַל. די מאַשין הייבט לאַנגזאַם אָן צו סאָפּן, דער טאַקט ווערט וואָס אַמאָל געשווינטער, די וואַגאָנעס גליטשן זיך איבער די רעלסן. באַלד זענען מיר אַרויס פון דער אַלטער היסטאָרישער זאַקסן־שטאָט. אַן אָפּשניט פון מיין לעבן פאַרשווינדט און אַ ניי לעבן הייבט זיך אָן. עס איז דער וועג צום מערב.

2

דער מערב האָט אין די לעצטע יאָרהונדערטער אויסגעאיבט אַ גרויסן כישוף אויף יחידים, גרופּעס און פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אויף יענער זייט פון דער דעמאַרקאַציע־ליניע, וואָס טיילט אָפּ דעם מערב פון מזרח. פּעטער דעם גרויסן, האַר און הערשער איבער אַלע רוסן, האָט עס געציונגן צום מערב נישט ווייניקער, ווי דעם פּויליש־יידישן חקרן שלמה מימון, דעם גרויסן קאַנטיאַנער און בוזעם־פריינט פון געטע. די גרויסע אידייען און מאָדערנע גייסטיקע שטרעמונגען, וועלכע באַהערשן אונדזער צייט, זענען געוואָרן געבוירן אין דער ספערע פונם אייראָפּעאישן מערב. פון דאָרט אויס זענען זיי געוואַנדערט און געוואָרן אַנטוויקלט, אימפּאָרטירט אָדער אַריינגעשמוגלט אין אַנדערע לענדער, ווען די אומשטענדן האָבן עס דערלויבט.

עס איז דאָך גאָרנישט אַזוילאַנג אַהער, ווי פראַנצויזיש איז געוואָרן באַטראַכט אַלס די שפּראַך פון די געבילדעטע אינם פינצטערן צאַרישן רוסלאַנד, קלעריקאַלן פאַנאַטישן פּוילן און קליינע פירשטן־פּאַלאַצן פונם אַלטן פוידאַלן דייטשלאַנד. אַלע טעכנישע דערפינדונגען אויפן געביט פון שטאָף און קראַפט זענען געקומען פון מערב; אַלע גרויסע אידייען פון אַ פרייער גליקלעכער מענשהייט זענען געקומען פון מערב. אַזוי אויך די הערלעכע דעקלאַראַציע פון מענטשנרעכט, געשאַפן מיט איבער 150 יאָר צוריק אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

און ווען ס'איז ענג געוואָרן אויף דער מזרח־זייט פון דער אומזיכטבאַרער דעמאַרקאַציע־ליניע, איז אַנטלאָפן צום מערב. דאָרט האָט ער געגלייבט צו געפינען מער פרייהייט, וויסן, בילדונג, טאָלעראַנץ און שאַפונגסקראַפט.

מיר געפינען צווישן אַזעלכע עולה רגל'ניקעס אַ טורגעניעוו און אַ דאָסטאָיעווסקי, פּוילישע פּאַטריאָטן, וועלכע גרייטן צו דעם אויפשטאַנד קעגן די „מאָסקאַלעס", זין פון קליינבירגער און פּויערים פון די יונגע באַלקאַן־פעלקער. וועלכע קומען שטודירן קיין פּאַריז, מינכן, ווין און וואַרשע. מיר געפינען אויך אונדזערע אייגענע משכּילים, ישיבה־בחורים, בית מדרש'ניקעס, בטלנים, גאַנץ־און האַלב אינטעליגענטן, ווען דאָס קליינע שטעטל איז געוואָרן צו ענג צו אָטעמען, דענקען און זיך אַנטוויקלען.

מיט פינף־זעקס דורות צוריק, ווען די אויפגעקומענע השׂכּלה האָט אָנגעהויבן צו האָבן די גרויסע השפּעה אויף די אויפגעקלערטע און מאָדערנע יוגנט פון דאַמאָלס, איז בערלין (אין דערמיט דייטשלאַנד) געוואָרן דאָס „מעקקאַ" פון בילדונג און אויפקלערונג פאַר די יידישע יוגנט. אין דער ליטע און אין געוויסע טיילן פון פּוילן האָט מען די אויפגעקלערטע גרופּן די „בערלינער" אין אַ בית הכּנסת, וואו ס'האָט געזונגען אַ מאָדערנער שול־כאָר און מען האָט געדאַוונט לויטן נוסח אשכּנז, האָט מען גערופן די דייטשע שול.

איך דערמאָן מיך, אַז אין מיין פּוילישער היים נישט ווייט פון דער אַלטפּרייסישער גרענעץ האָט געהערשט אַ גרויסער דרך ארץ און באַוואונדערונג פאַר אַלעם, וואָס איז געווען דייטש אָדער פּרייסיש. 60־50 קילאָמעטער פון מיין היימאַט־שטאָט איז געלעגן טוירן, די באַקאַנטע פעסטונג. אַ סך פון אונדז, וואָס האָבן געלעבט אַלס קינדער נאָך אונטער דער צאַרישער הערשאַפט, האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט אויף יענער זייט גרענעץ הייבט זיך אָן די אמתע וועלט פון בילדונג, קולטור, ציוויליזאַציע — דאָרט הייבט זך אָן דער מערב.

דאָס אַריינקומען אין דער ספערע אָדער סביבה פון מערב איז געוואָרן באַטראַכט אַלס אַן אויפשטייגן; אַן עליה. און וואָס ווייטער און ווייטער מען פאָרט און באַזעצט זיך אין מערב, אַלס העכער און גרעסער זענען די שאַנסן צו ווערן אַ פאָלקאָמענער איירָאָפּייער. דאָס איז געווען אַן אַקסיאָם, וואָס האָט קיין שום חילוקי־דעות נישט אַרויסגערופן.

די ערשטע גרויסע וועלט־מלחמה 1918־1914 האָט געשאַפן אַ נייע



מחיצה פון מזרח צום מערב די שלאַכטפעלדער אין פּוילן, ליטע און ווייסרוסלאַנד, און די נצחונות פון די דייטשע אַרמייען האָבן צערשטערט די עקאָנאָמישע גאַנצקייט און איינהייט פונם אַמאָליקן רוסלאַנד. אָרעמקייט האָט אָנגעהייבן אַריינצודרינגען אין אַ סך יידישע הייזער, וואו עס האָט ביז דאַמאָלס נאָך נישט געהערשט קיין נויט. דער זיגער האָט געברויכט בעל מלאָכות, ספּעציאַליסטן און סתם אַרבעטס־כּחות. וואו נישט וואו איז געוואָרן איינגעפירט אַרבעטס צוואַנג. אַ סך האָבן זיך געמאָלדן פרייוויליק. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קליינער טרעק צום מערב.

ווען איך בין מיט דרייסיק יאָר צוריק אין ווינטער 1917 געקומען נאָך בערלין, האָב איך אין י. ל. פּרץ־פאַראיין (דאַמאָלס נאָך אין דער דראַגאָנערשטראַסע) געטראָפן אַ גרויסע קאָלאָניע פון מזרח־יידישער יוגנט און מיטליעריקע. איר האָט דאָרט געקאָנט געפינען נעמען און מענטשן פון אַלע גרויסע יידישע פּאַרטייען און גייסטיקע שטרעמונגען: באַרימטע בונדיסטן, פּועל־ציוניסטן, געוועזענע עסעסאָווצעס, טעריטאָריאַליסטן, סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סתם יידן פּשוטע, וואָס האָבן אין אַ ביסל פרייערער סביבה פאָרטגעזעצט זייער יידיש־גייסטיקע און קולטורעלע באַשטרעבונגען און אָנגעקניפּט באַציאונגען צו דער נייער אַרומיקער וועלט.

אין די נאָך־מלחמה־יאָרן פון 1919 אָן און ווייטער, ווען דאָס נייע פּוילן און די קליינע ראַנד־לענדער פונם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד האָבן דער יידישער באַפעלקערונג נישט געגעבן די געהעריקע לעבנסמעגלעכקייטן, האָט די איינוואַנדערונג אין די מערב־לענדער פון איירָאָפּע שוין אָנגענומען די פאָרם פון אַ גרויסן „טרעק". בערלין, פּאַריז, אַנטווערפּן זענען געוואָרן נישט נאָר נייע מזרח־יידישע ישובֿים, נייערט אויך נאַציאָנאַל־יידישע צענטערן מיט אַן אייגענער פיזיאָנאָמיע.

---

זיצנדיג אין דעם אייזנבאַנצוג, וואָס האָט מיך געפירט פון דער עלבע צום מערב, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך קום אַריין אין אַ סביבה מיט אַן אַנדערן לעבנסשטייגער. די באַלדיקע באַקאַנטשאַפט מיט אַ גאָר אַנדערער וועלט האָט נישט ווייניק געוועצט מיין געמיט און נייגעריקייט. האָב איך דאָך אין דער לעצטער צייט מיך אַזויפיל צוגעהערט צו די משונה'דיקע און פאַנטאַסטישע מעשׂות, וואָס מען פלעגט דערציילן איבער דעם רוהר־געביט, וועסטפאַלן און די רויטע ערד!....

די זון וואַרפט אירע ערשטע שטראַלן נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן. עס באַווייזן זיך די ערשטע באַרג־קייטן פונם נאָענטן וועזערגעבורג. יונגעלייט און מיידלעך לויפן צו צום פענצטער און רופן אויס באַגייסטערט! „פאָרטאַ וועסטפאַליצאַ"! אָן שום ספק איז דאָס דאָזיקע שטיקל ערד אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פאַרן מענטשלעכן אויג. פאַרן דורכשניטלעכן דייטש איז עס מער נישט ווייט פון דאָ איז דער טעטאָבורגער וואַלד, וואו וואָטאַן און טאָר, די אַלטגערמאַנישע געצן זענען קיינמאָל נישט געוואָרן אַרויסגעשטויסן אָדער

אפגעשאפט פונם קריסטנטום. דערווייל שלאפן זיי, מיט מאך אדער שפינוועבס באדעקט, אין זייערע וואלדהיילן. זייער אויבערפריסטער, הערצאג ווידוקינד ליגט אין דער טרומנע אינם שטעטל ענגערן אין וועסטפאלן. אבער זיינע משרתים, די זאטלמייערס פון דא און דארט זענען וואך און טעטיק. געהיים און פארגנבעט גורטן זיי אן זייערע לענדן, באשלאגן זייערע וועגענעס מיט פראנצערשטאל און אייזן. זייערע קוזשניעס רייכערן זיך טאג און נאכט. וואלגייסטער און קאבאלדן העלפן זי צו. מען ווארט נאר אויפן טראמפייטער. ארמיניום גרייט צו פאר א שווארצן טאג. . . .

אבער דאס האב איך נאך נישט געוואוסט דאמאלס, ווען איך האב מיך געטארקעלט אין דעם וואגאן אויף דער גרענעץ צום דייטשן מערב.

## 3

מיר פארן שוין כמעט צוועלף שעה. נאך א קילער נאכט האט א וואריממער זומער־פרימארגן זיך מרחם געווען אויף מיין נישט־אויסגעשלאפענעם קערפער. אויף די פארשידענע סטאציעס גייען מענטשן ארויס און אריין, אויסגעצוואגן און אויסגעפוצט. ס'איז זונטיק. יונג און אלט זעען אויס אויסגערוט און יום־טובדיק. מיידלעך טראגן צלמים'לעך אויף דינע גאלדקייטלעך ארום זייערע העלזער. דאס איז וועסטפאלן, שטרענג־קאטויליש און פרום, נישט־ווייניקער, ווי ווארשע, קראקע און דאס קויאווער לאנד.

אויף א גרעסערער סטאציע, אין האם בלייבן מיר שטיין אן ערך צוואנציק מינוט. צייט זיך אביסל ארומצוואשן, זיך דערכאפן דאס הארץ מיט א פרישער בולקע מיט פוטער, א שטיקל קוכן און א געשמאקן ריחדיקן קאווע. דא זעט מען שוין די ערשטע טורעמלעך פון די קוילן־גרובן. די לופט איז שוין גערידכטער, אנגעפילטער מיט פיינער גרויע שטויב־קערנדלעך. ס'איז דער אנהייב פונם רהייניש־וועסטפאלישן אינדוסטריע־געביט.

ביז דארטמונד ציען זיך נאך וועלדער, פעלדער און לאנקעס, אויף וועלכע עס פאשן זיך פעטע בהמות. די געגנט דא ארום הייסט פון קדמונים די „רויטע ערד“. דאס לאנד ארום איז באקאנט געווען פאר גוט אקערבוי און בהמה־צוכטלאנד ביז די מאדערנע אינדוסטריע: שטיינקוילן־גרובן, אייזנגיסערייען און מאשינען־פאבריקאציע האט אנגעהויבן צו דאמינירן און צו פארשטויסן די פריערדיקע פויערנווירטשאפטן.

שטיינקוילן, אייזן און שטאל האבן געענדערט די פיזאנאמיע, אויסזען און כאראקטער פון א לאנד, וואס איז פון אייביק אן געווען באקאנט אלס איינס פון די צוריקגעשטאנענע אין מערב־אייראפע. פויערן־הייזער, פאלווארקן און פריצישע הויפן זענען פארשוואונדן. אינזשעניערן, געאלאגן און קוילנגרעבער, און אין דער שפיץ פון זיי אלעמען דער ספעקולאנט, דער געלדזאק און אוואנטוריסט זענען געווארן באלעבאטים און משרתים. ס'האט זיך אנגעהויבן די עפאכע פון צושטערונג און אויפבוי. דער פיאדאליזם האט געמאכט פלאץ דעם יונג אויפשטייגנדן קאפיטאליזם מיט זיינע פאלשע צוזאגענישן פון פרייער ארבעט, גוטע לוינען און בעסערע לעבנס־באדינגונגען.



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

שאכט־טורעמס און טורעמלעך, א וואלד פון גרויסע, קליינע און מיטעלע פאבריק־קוימנס, אפענע פייערס פון גיסערייען און קאקס־פאבריקן (קויקערייען), געוואלטיק גרויסע בעטאנאזש־געביידעס און דאס מעטאליש־הייזעריקע גערויש פון אייביק זיך באוועגנדע מאשינען־געטריבע באגריסט דיך, ווען דו באטראכסט דאס לאנד פון קוילן און אייזן. יא, נישט לאנג צוריק האט דא געהערשט דער פריץ און געוואלטעוועט איבערן פויער און זיין הויזגעזינד. די פריצים איצטער זענען די קוילן־מאגנאטן און די גענעראל־דירעקטארן פון די גרויסע שטאל־און אייזן־קאנצערנס, באלעבאטים איבער גרויסע און רייכע שטעט. זייער מאכט און איינפלוס איז אומבאגרענעצט. זיי זענען הארן און דינער פון אן אגרעסיוון מאכט־הונגעריקן דייטשלאנד, א שרעק און א געפאר פאר אייראפע, פאר דער גאנצער וועלט און זיך אליין.— — —

אלע פינף־זעקס מינוט אן אנדערע שטאט מיט א משונהדיקן נאמען. נאך א פאר קילאמעטער און מייל לאנגע נסיעה וועט זיין באענדיקט.

קיינער איז נישט געווען מיך באגלייטן אויפן וואגזאל, ווען איך בין אוועקגעפארן. איך האב עס דאך אזוי געוואלט. איך האב באשטימט גערעכנט, אז מיין פריינט, צו וועמען איך קום, וועט דא זיין אויפן פעראן. ניין, איך זע נישט קיין שום באקאנטן פנים. מילא, איז אויך גוט. איך האב דאך זיין אדרעס, וועל איך מיר שוין אן עצה געבן. נעם איך מיר מיין טשעמאדאנטשיק, גיי אדורך די באריערע און קלער צו באשטעלן אן אויטא־דראזשקע.

די זון האט מיר פריינטלעך געשיינט אין פנים אריין. דער זייגער האט געשלאגן עלף. צייט האב איך געהאט. ס'איז טאקע נישט שיין, וואס מיין פריינט איז נישט געקומען מיך מקבל פנים זיין, אבער ער איז דאך נאר א מענטש, אפשר האט ער זיך פארשפעטיקט, שטיי איך מיר אזוי דרויסן ביים אריינגאנג פון דער סטאציע און ווארף אן אויבערפלעכלעכן בליק אויף דעם ארט אדער שטאט, וואס זאל ווערן מיין „היים“, קיין וועג צוריק גיבט עס נישט מער : נישט מאגדעבורג, נישט בערלין, נישט פוילן. . . .פון די פילע גאסן, וואס האבן זיך דא אפגעצווייגט איז מיין אויג געפאלן אויף א ריינע, ברייטע, גראדליניקע גאס מיט מאדערנע געוועלבער און הויכע מערשטאקיגע געשעפטס־הייזער. איך האב מיך גראד דערמאנט די רכילות איבער די דאזיקע שטאט. ס'האט נישט געהאלפן. איך האב אנגעהויבן ליב צו האבן דעם דאזיקן ארט פון הונדערטקוילן־שאכטן און טויזנט פייערס. איך האב געוואלט ליב האבן די דאזיקע שטאט. דאס גערויש און מעטאלישע געקלינגעכץ פון מאשינען־געטריב, אפילו אין א זונטיק האט אויף מיר געווירקט ווי א פרעלודיע צו א סימפאניע פון ארבעט.

טראכטנדיק אט אזוי קומט פון א זייט־גאס ארויס א יונגערמאן מיט א בלאס אסקעטיש פנים און מידע אויגן. זיין ווייכער קאפעלוש איז אים קוים געזעסן אויפן שפיץ קאפ. די אש־בלאנדע האר און די ארויסשטארטשנדיקע באקן־ביינער האבן אים געגעבן א סלאוויש־באלטיש אויסזען. וואס נענטער

ער איז געקומען צו מיר, וואָס מער האָבן מיר זיך געקוקט אין די אויגן אריין. איך האָב דאָס אַלעס אָנגענומען פאַר אַ צופאַל. סטרעפּט זיך אָפּט צוויי פּרעמדע מענטשן קוקן זיך אָן משונה'דיק און אָן שום סיבה. און אפשר איז דאָס גאָרנישט משונהדיק? ס'מוז דאָך נישט אַלץ אין דער וועלט צוגיין שכלדיק....

רואיק און געלאַסן ישטייט אָט דער יונגערמאַן מיר פּנים לפּנים, רעדט עפּעס צו מיר אין אַ פּרעמדן נישט־פאַרשטענדלעכן אַקצענט, דערמאָנט מיין נאָמען און דעם נאָמען פון מיין פריינט, נעמט ארויס פון מיין רשות דאָס פּיסטאַריש־קוריאָז טשמאָדאַנטשיקל און פירט מיך אריין אין דער גאַס, פון וואַנען ער איז גראָד אָנגעקומען.

גייענדיק מיט אים האָב איך מיך ערשט געכאַפּט, וואָס ער האָט פון מיר געוואָלט און אין וואָסער „דיאַלעקט" אָדער שפּראַך ער האָט צו מיר גערעדט. ער איז אַ יידיש יינגל פון דער ליטע, זיין מאַמע־לשון האָט ער פאַרגעסן, און דייטש זיך נאָך נישט אויסגעלערענט. זיין „דיאַלעקט" איז אַ געמישעכץ פון אַ באַלטיש־ליטווישן יידיש (אָן אַ ה) און דעם המון־דייטש פון דער שטאָט ג—ד. ס'איז נישט קיין וואונדער, וואָס איך האָב אים נישט באַלד פאַרשטאַנען!.... מיין פריינט האָט גראָד היינט אינדערפרי געמוזט ערגעץ־וואו אהינגיין, האָט ער אים געבעטן ער זאָל זיין ביי דער סטאַציע מיך מקבל פּנים זיין, און מיר העלפן זיך איינריכטן אין דער נייער סביבה.

אזוי גייענדיק זיבן־אכט מינוט מיט דעם פרעמדן יונגענמאַן ביז צו מיין נייעם דאָמיציל, איז מיר געוואָרן פריילעך אויפן הארצן. איך בין מיר פאָר־געקומען, ווי אַ מענטש, וואָס האָט גאָרנישט פאַרלוירן, גאָרנישט.... אָט קום איך דאָ אָן, אַ פּשוט מענטשעלע, אין אַ פרעמדער סביבה, אָן אַ קרוב אָן אַ גואל, און צו דער באַן קומט אַ פריינטלעכער שליח, וואָס טראָגט מיין באַגאַזש און וויל זאָרגן פאַר מיינע באַקוועמלעכקייטן.

און דעם יונגענמאַן אַליין צו ווען מען איך בין געקומען, און ווען מען איך האָב שוין די גאַנצע צייט באַצייכענט אַלס מיין פריינט, האָב איך קוים גע־קענט מער, ווי אַ דורכשניטלעכן באַקאַנטן. מיר האָבן זיך עפּטער געטראָפן אין מאַגדעבורג אין דער יידישער פאָלקסקיך ( ווען די דאָזיקע האָט נאָך עק־זיסטירט), אין טעאַטער, ביי באַקאַנטע און אויף לודקעס אויף דער אַלטער עלבע. פון אָנהייב אָן האָבן מיר געפילט אַ קעגנזייטיקע סימפּאַטיע איינער צום אַנדערן. פון מאַגדעבורג איז ער געגאַנגען צום רוהר־געביט, און ס'איז געוועזן זיין געדאַנק, אַז איך זאָל אויך דאָרט אַהינקומען.

און איך בין טאַקע געקומען. אָפּגעריסן אַלע פעדים פון מזרח — מיין היים, ירושה־לאַנד פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן, יידישע חלומות און יידי־שע צרות; פון בערלין, וואו איך האָב מיך פּאָליטיש אויסגעמאָזלט און וואו איך האָב מיך אויסגעלערנט זעלבסטשטענדיק צו דענקען; פון מאַגדעבורג, וואו איך האָב אַלס דערוואַקסענער צום ערשטן מאָל געשפּירט דעם ביטערן



טעם פון איינזאַמקייט. איצטער בין איך דאָ. אבראַמטשיק, מיין באַגלייטער, פירט מיך אריין אין אַ צווייִשטאָקיג שמאָל ארבעטער־הויז און שטעלט מיך פאָר דער באַלעבאָסטע. אויפן צווייטן שטאָק ווייזט מען אָן אַ חדר מיט צוויי בעטן, אַ טישל און אַ קליידערשאַנק. דאָ וועל איך דערווייל וואוינען מיט סאַלי מיין פריינט און אבראַמטשיק דעם ליטוואַק. איך שטעל אַנידער מיין וואַליזקע, שלים אויף און נעם ארויס דאָס נייטיקסטע פאַרן היינטיקן טאָג. איך גיי אראָפּ טרינקען אַ קאַווע, פאַרטייל ציקערלעך פאַר די קינדער פון הויז. ס'איז צוועלף אַ זייגער און מיר ווילן אַביסל ארויסגיין. די באַלעבאָסטע זאָגט אָן כ'זאָל נישט זיין שפּעט צו מיטיק.

---

## א. נ. שטענצל

## בלומען ־ וואַריאַציעס

### די פּאַפּירענע בלומען אויף מיין פענסטער

I

אפשר אויף פענסטער דאָ די בלומען
אַ געליבטער אמאָל געברענגט:
אַז ווי זיי קיינמאָל ס'זאָל נישט וועלקן,
וואָס אַ האַרץ אויף אייביק פאַרשענקט....

מייד איך אויס, זיי נישט אָנצוקוקן,
כסדר ווען דעם קאָפּ כ'טו אַ הויב,
און אָטעם איין מיט צעשאָטן האַרץ,
מאָטן־עפּויש און ווילגאָטש־שטויב.

II

קאַרבירטע ביבולע די בלעטעלעך,
און דאָס שלאַנקע שטענגל פון דראָט;
איבער בליטן־שטויב אַ שמעטערלינג —
איבערן קאָרזש די טויטע מאָט.

נישט אַ קליין זשוקל, אַ „משיח'ל",
אַ צעשטראַלטס אין זוניקן גלאַנץ;
צו די ביבולע בלעטלעך ארויף,
זיך צו דערוואָרעמען — ס'קריכט אַ וואַנץ....

III

אָבער וואו קאָן איך מיך פאַרקריכן —
ווי אין קאַלטער וואַנט דאָ דער שפּאַלט.
זעט ישוין אויס, אַן אויסגעליידיקטער,
פון מיין שטערן יעטווידער פאַלט.

נישט פאַרוויקלטע בלומען קנאָספּן
צו צעבליען מיט פרילינג צוויט —
מיין שטערן, אַ געקאַרבירטע בלום,
מיט אַ דראָט־שטענגל אין דער מיט.

## ווינטער - בלומען

I

פון געפרוירענע שויב אַראָפּ
אַזאַ אויפגעגאַנגענע בלום
כ'וואָלט זי דיר צוגעשיקט אַצינד,
מיט דעם איינאיינציקן וואָרט: קום.

אָבער קען מענ'ס דען דערטראָגן?....
אַז איידער נאָך — — שוין פאַר דיין טיר — — —
יאָ פונקט אַזוי איז מיין האַרץ,
ס'צעגייט פון אַ מינדסטן באַריר.

II

דאָס שטענגעלע בעז, שלאַנק און שמאָל,
בלאָס אויפגעגאַנגען אונטער גלאָז,
ווי אַן אייז־בליט פונקט פון אַ הויך,
ס'צעשיט פון אַן איינציקן בלאָז.

דאָס בלייכע שטענגעלע אָבער,
אין דיין וואַזע ס'וועט בלייבן שטיין,
ווי אין אויפגעטייעטער שויב
זילבריק ווינקנדיקער זון־שיין.

III

אָנצאָליק ווי די זאָמדלעך ביים ברעג,
אויף דיין טיש די שטערנדלעך בעז:
זע, איבער ים אָנגעפלויגן,
ס'קומט פאַווע מיט בריוועלע נס — — — —

דורך מיין פאַרווייעט פענסטער אָבער,
פון יעטווידן שטערנדל שניי,
וואָס פלאַטערט פלימערדיק פאַרביי,
כ'לעז מיין וואונדערלעכן פאַרגיי.



## ערב - פרילינג בלומען

פאַר פר. ב.

I

פון אונטער קויטיקן פאַרטייעטן שניי,
פון אונטער פאַרפוילטן פאַרוועלקטן בלאַט,
דער קראָקאָס בויערט זיך אַ שטאָלצער אַדורך,
מיט זיין צעפּעכלטן צערטלעכן גלאַט —

יאָ, אינם ערד־קיילעך, ווי אין אַ וויין־פּאַס,
ליעקלעך אַזעלכע אריינגעשטעלט!
מיט איר מאָנטנעדיקייט, איר צעגאָסענער,
לייטערט זיך, אַ טריפנדיקע, די וועלט.

II

גרינלעכע ווין פלעשלעך, מיט שלאַנקע העלדזלעך,
די בייכלעך איינגעקאָפּעטע אין ערד;
לייגט מען צו ס'אויער צו די טריוואַקס קאָרקעס,
ס'שוימען פונם אַלטן ווין מען דערהערט.

ווי ס'אַרבעט און ווי ס'קאָכט, ווי ס'שוימט און ווי ס'זידט,
יעדן טראָפּ צעפינקלטער אויסצושטיין.
פאַר דעם ווין די גאָלדענע בעכערלעך גרייט,
ס'שטייען דעפידיליען פינקלדיק ריין.

III

פון די ערשטע פיאָלקעס דער דופטיקער ריח,
ווי געשמאַק פון אַלטן ווין אויף שפּיץ־צונג:
שטייסט מיט אויסגעקיילעכט צעקנאָספּעטן בליק,
און שפירסט, אַז ביזט באַרוישט, אַז דו ביזט יונג —

קוקן אויגן אויף דיר, טליאיק צעפלאַמטע,
אָדער שפּיגלען דיינע בלוי נאָך אַזוי?
איבערלאָפּענע, צעפונקלטע, פולע — —
פרילינג־פיאָלקעס געצוואָגענע אין טוי.

## לעאָ קעניג

# „יצא שכרו בהפסדו“...

(וועגן ארטור קעסטלערס נאָוועלע „ווי גנבים אין דער נאַכט“)

די לעצטע נאָוועלע קעסטלערס „ווי גנבים אין דער נאַכט“ איז ניט „דערשינען“ נור „עקספּלאָדירט“. קען מען זאָגן, שוין לאַנג ווי ס'איז אַזוי פיל געשריבן און גערעדט געוואָרן וועגן אַ ניי דערשינענעם בוך אין ענגליש, און באַזונדער וועגן אַ נייער נאָוועלע, ווי ס'איז איצט געשריבן געוואָרן איבער דער נאָוועלע קעסטלערס. אַרטיקלען און קאָלומס גאַנצע.

איז די נאָוועלע אַ „דערפאָלג“? — יאָ, דער דערפאָלג פון אַ „עקספּלאָזיע“: ווי אַ באָמבע האָט דאָס בוך אויפגעריסן. און.... נאָכן „אויפרייס“ איז שטיל געוואָרן, און, ווי מיר דאַכט זיך, וועט נאָך שטילער ווערן ווען די ברענענדיקע אַקטועליטעט און טאַפּערקייט פון דער נאָוועלע וועט זיך אויסלעשן. עקספּלאָזיעס און אפילו „נוטיקע“ עקספּלאָזיעס, אויב ס'איז דאָ אַזאַ זאַך (און קעסטלער גלויבט אפנים אין דעם) ווערן פאַרגעסן; מען דיסקוטירט אַ שטיקל צייט וועגן זייער „ניוסענס ועליו“, זייער „נויטיקייט“; נאָך מער: וועגן דעם שכר און דעם הפסד וואָס די אויפרייסן לאָזן איבער און.... זיי ווערן פאַרגעסן.

קעסטלער האָט ליב פּאַראַדאָקסן און „באָן־מאָ'ס“; און ער ווייסט אַליין אפשר גאַנץ גוט אַז דעם רוב אַזוי גערופענע „גלענצענדע“ פּאַראַדאָקסן קען מען לייכט איבערדרען פאַרקערט און זיי זאָלן נאָך „אמתר“ קלינגען:

ער האָט, למשל, אין דעם בוך אַזאַ פּאַראַדאָקס, צי רופט עס אַפאָריזם — „דער טאַט רעכנט זיך און ניט זיין אינערלעכער שאָטן“; מיר דאַכט זיך אַז סאיז פיל ריכטיקער פונקט פאַרקערט: די טאַטן, די מעשים ווערן פאַרגעסן נור זייערע אינערלעכע שאָטנס בלייבן.... דערפאַר האָט דער רוב אנשי מעשה איבערגעלאָזט נאָך זיך שוואַרצע שאָטנס; דערפאַר איז די געשיכטע פול — איך וועל ניט זאָגן בלויז — מיט איבערגעבליבענע שאָטנס — רעפלעקסן פון מעשים גרויס און וויכטיק זיינען די טאַטן מיט אַ אינערלעכער ליכט. און די לעצטע זיינען זער זעלטן.

* * *

דאָס בוך קעסטלערס איז אַ ווערק מיט אַ „אינערלעכן שאָטן“; קיין אינערלעכע ליכט וועט איר דעם בוך אוודאי ניט דערזען. און דאָס איז די גרעסטע פּגימה אין דער נאָוועלע קעסטלערס. ווי אפשר אין דעם רוב פון זיינע ווערק מיט וועלכע ער האָט זיך קונה שם געווען צווישן געוויסע גרויסע שיכטן פון דער היינטיקער אייראָפּעאישער און ענגלישער אינטעליגענץ.

אַ קונסט ווערק, אַ אמת שעפעריש ווערק איז אין עצם קאָנסטרוקטיוו (פאַרמאָגט אָט די אינערלעכע ליכט) אפילו ווען ס'איז אין קאָלאָריט טונקל, פּעסעמיסטיש, קריטיש, סאַטיריש; אפילו ווען עס האָט ניט קיין דירעקטן „מעסאַזש“, קיין בשורה, באַרייכערט עס אייך, ווייל עס ווייזט אייך אַ שטיק לעבן מיט לעבעדיקע מענטשן און פאָרמען, מעג עס זיין טונקל און נעגאַטיוו לעבן, קראַנקע מענטשן און ריטמען, אָבער שוין אין דעם אויפבויען פון די מענטשן און דעם שטיק לעבן, אין דעם ווייזן איז דער הויפּט „מעסאַזש“, דאָס ליכט וואָס באַרייכערט אייך מער ווי די בעסטע און אידעאַלסטע טענדענצן מיט וועלכע עס צייכנען זיך אָפּט אויס פּסעוודאָ קונסט ווערק.

אָט די לעצטע נאָוועלע קעסטלערס איז ניט קיין קונסט ווערק, ניט קיין שעפעריש ווערק און וואָס איז נאָך נעגאַטיווער: ס'איז פּסעוודאָ קונסט אָן טרייסט, אָן האָפענונג — אָן ליכט....

איר לייענט עס איבער מיט גרויס אינטערעס און שפּאַנונג, עס קאָכט אייך אויף, עס צורודערט אייך און רייסט אייך אויף. און ווען איר ענדיקט דאָס בוך און לעגט עס אַוועק, פרעגט איר זיך: נו וואָס ווייטער? וואָס זשע וועט זיין?

ווי נאָך אַ עקספּלאָזיע פילט איר זיך אָרימער, צושעדיקט, און גאָרנישט רייכער, אפילו ווען איר ווילט גלויבן אַז די עקספּלאָזיע איז געווען נויטיג; אַז דאָס בוך האָט געדאַרפט געשריבן ווערן....

„אָ, ווי ס'וועט גרינגער ווערן“, זאָגט דער העלד פון קעסטלערס נאָוועלע, „ווען דער אייגענער צאָרן וועט אויפרייסן מיט אַ גוטער, היימיש געמאַכטער באָמבע“.

איך ווייס ניט, ס'קאָן זיין אַז דער טעראָריסט פילט די פאַרלייכטערונג, ווען זיין צער און צאָרן רייסט אויף דורך אַ גוטער היימישער באָמבע — אָבער דאָס אויפרייסענדע בוך קעסטלערס ברענגט, דאַכט זיך, ניט קיין פאַרלייכטערונג דעם לעזער.

און פאַרוואָס: ניט ווייל איר זענט פאַר אָדער קעגן טעראָר, ניט ווייל איר זענט אַ מאָראַליסט און האַלט אין איין מאָראַליזירן (קעסטלער אַליין טוט עס שוין צופיל אין זיינע (שריפטן בכלל) נור הויפּטזעכלעך ווייל ער האָט אין דער נאָוועלע כמעט קיין איין לעבעדיקן מענטשן....

ניט ווייל קעסטלער האָט ניט קיין קינסטלערישע פעאיקייטן; פאַרקערט: ער האָט אין דער נאָוועלע גוטע לאַנדשאַפטן, גלענצענדע ווען אפילו פּאַרטיי־איש־סאַטירישע מאַס־סצענעס און אַקציעס, ווי צום ביישפּיל די שיסערייען אין דער ערשטער גרינדונג־נאַכט פון דער קבוצה „עזרה'ס טורעם“; די סצענע ווי די צוויי אַראַבישע משפחות ענדיקן ריטואַליש זייער בלוט־קריג.... אין מאַנכע שטעלן קומט ער צו דער גרענעץ פון פּאָעזיע.. — אָבער קעסטלער איז דאָך הויפּטזעכלעך אַ אילוסטראַטאָר און ניט קיין קינסטלער. הגם עס טאָר ניט פאַרגעסן ווערן אַז אַ גוטער אילוסטראַטאָר מוז האָבן אַ נצוץ פון אַ קינסטלער. און קעסטלער איז צייטענווייז אַ גלענצענדער אילוסטראַטאָר. ניט קיין דאָמיע און אפילו ניט קיין פאָרען — ד"ה נישט קיין גרויסער צו עכטער

קינסטלער וואָס מאַכט אויך אַמאָל אילוסטראַציעס; נור אַ אילוסטראַטאָר מיט קינסטלערישע מעלות....

קעסטלער באַלאַנגט צו דעם מאָדערנעם טיפּ רעפּאָרטאַזש־קינסטלער, רעפּאָרטאַזש־נאָוועליסט (דער עלטסטער און געניאַלסטער פון דעם סאָרט קינסטלער איז אפשר געווען דע'פאָ — דער מחבר פון „ראָבינזאָן קרוזאָ"); פון די היינטיקע שטייט קעסטלער נאָענט אלס שריפטשטעלער אוודאי ניט אידעאיש און ניט אין ריכטונג — צו איליאַ ערנבורג:

זיי זיינען רעפּאָרטאַזש־נאָוועליסטן; שרייבער פון פּאָליטישע נאָוועלן; זשורנאַליסטישע קינסטלער; מיט איין וואָרט אילוסטראַטאָרן.

אַלעם קענען זיי באַשרייבן — רעוואָלוציעס, מלחמות, גאַנצע פעלקער און לענדער; קאָמיסאַרן, דיקטאַטאָרס, מיניסטאָרן, רעוואָלוציאָנערן, קאָנספּיראַטאָרס, טעראָריסטן.... און וואָס און וועמען ניט?

ס'איז אָפט צו באַוואונדערן דאָס וואַגן פון דעם סאָרט שריפטשטעלער: וועדליג זייער פאַרמעסטן זיך וואָלט איר געמיינט אַז יעדער פון זיי — צו ס'איז קעסטלער, צו אַ ערנבורג — איז אַ טאָלסטאָי און אַ דיומאַ געוויקלט צוזאַמען.... קיין טעמע, קיין עפּאָכע איז פאַר זיי ניט קיין אָפּשטעל.... זיי האָבן ס'רוב ליב גרויסע ריזיקע ליינוואַנטן, פּאַנאָראַמעס; און די פראַגע פון פּערספּעקטיוו קימערט זיי גאָרניט: אַז טאָלסטאָי האָט געמעגט באַשרייבן די נאַפּאָלעאָנישע קריג פון וועלכע ער איז צייטליך ניט געווען צו ווייט — טאָ פאַרוואָס זאָלן זיי ניט באַשרייבן „דאָס פאַלן פון פראַנקרייך"; דעם „פּערזש אין רוסלאַנד"; די טראַגישע קריג אין א"י וואָס קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגן? —

די פראַגע פון פּערספּעקטיוו קימערט זיי גאָרנישט; פאַרקערט — וואָס הייסער, טיפּישער, טעגלעכער און וועלט־פאַרנעמערישער די טעמע איז אַלץ גייציגער זיינען זיי, דאַכט זיך, זי צובאַשרייבן אין אַ ראָמאַן, אַ נאָוועלע, צו וואָס איר זאָלט די פאָרמע ניט אָנרופן....

די גאַנצע וועלט, די גאַנצע ערד איז זייער „לאַבאָראַטאָריע"; און זיי פליען אַרום איבער אונדזער וועלטל — און היינטיקע צייטן איז עס גרינג — מיט זייערע סקיצן־ביכער און שרייב־מאַשינקעס און „אילוסטרירן" אונדזערע גרויסע היסטאָרישע צייטן און געשעענישן....

איז אָט די „נייע" זשורנאַליסטישע, אילוסטראַטיווע ליטעראַטור שעפעריש? וועט זי לעבן? וועט זי לעבן לענגער ווי די אַלטע פּאָליטישע נאָוועלע וועלכע איז אפשר מיינסטן אילוסטראַטיוו? מיר גלויבן נאָך אין פּערספּעקטיוו און מיר וועלן דערפאַר פריצייטיק ניט ענטפערן אויף די פראַגן. אָבער אויב ס'איז דערלויבט צו זיין „אַלטמאָדיש" גלויב איך נאָך אַלץ אַז געשיקטע אילוסטראַציעס זיינען ניט קיין פּאָרטרעטן; און אַז די בעסטע נאָוועלן פון אַלע צייטן און ליטעראַטורן זיינען — לכל הפחות אויב ניט די אינגאַנצן אויטאָביאָגראַפישע — די אין וועלכע דער שרייבער האָט געשילדערט די



מענטשן און טיפּן וואָס ער האָט געקענט אַמבעסטן און אַמאינטימסטן, און זיינען דערפאַר לעבעדיקער און דויערהאַפטער אַרויסגעקומען....

פאַרשטייט זיך אַז איצט איז ניט די רייד פון די זעלטענע געציילטע רייכע נאַטורן, וועלכע האָבן אין זיך געהאַט דעם מאַקסימום מענטשלעכע מעגלעכקייטן און אייגנשאַפטן.

איך ווייס ניט צו עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פעסט באַשטימטע כללים וואָס אַזוינס אַ נאָוועלע איז און באַזונדער מאָדערנע נאָוועלע, נור מיר דאַכט זיך אַז ניט דער פּלאָט, ניט דער ספּור המעשה נור אַ געוויסע קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט איז די הויפּט כאַראַקטעריסטיק פון אַ גוטער נאָוועלע (דערפאַר זיינען ניט פאַראַן קיין דויערהאַפטע פּאָליטישע נאָוועלן); און קעסטלערס „ווי גנבים אין דער נאַכט" איז דעריבער ניט קיין נאָוועלע: זי האָט ניט די אַבסאָלוט נויטיק קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט.

דאָס בוך איז טיילווייז רעפּאָרטאַזש, טיילווייז אַ מין דאָקומענטירטע כראָניק פון די פּאַסירונגען און שטימונגען אין א"י פון ניינצן זעקס און דרייסיק ביז ניינצן פערציק.. אָבער הויפּטזעכלעך מאַכט אויף מיר אָט די „נאָוועלע" דעם איינדרוק פון אַ ביטערן, טיילווייז גאַליקן און טיילווייז טאַלאַנטפולן פּאַמפלעט מיט.. אייניקע גוטע אילוסטראַציעס.

קעסטלער איז צו פּאַרטייאיש, און זיין „פּאַרטיי" איז זיין בלאָנדזשענדער פאַרוואָגלטער „איך". ער האָט שוין, ווייזט אויס, איבערגעדינט פאַרשידענע פּאַרטייאישע עבודה זרות און אידעאָלאָגיעס און ער האַלט זיך אין איין אַרומרייסן מיט דער וועלט, מיט זיך, מיט זיין טעמפּעראַמענט און מיט זיינע אַמביציעס.... אַ טיפּישער אייראָפּעאישער אינטעליגענט, וואָס בלאָנדזשעט און וואָגלט צווישן וועלטן און אידעען — יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע, רעוואָלוציאָנערע און קראַנק — אינדיווידואַליסטישע, וויסנשאַפטלעכע און מעטאַפיזישע.. און ער האָט אפילו אין א"י, און ביים אַלט־נייעם יידישן פאָלק ניט געפינען דעם מינימום רו, פאַרוואָנדלטקייט און גאַנצקייט — וועגן אפילו טראַגישע און טרויעריקע — וואָס די יידישע און העברעאישע שרייבער האָבן דאַכט זיך, יאָ געפינען.

(וואָס איז ער קעסטלער — אַ העברעאישער, יידישער, ענגלישער, דייטשישער צו גאָט ווייס וואָס פאַראַ שרייבער? ווייסט ער עס אַליין? כאָטש מען קען זיין זיכער אַז קעסטלער, וועלכער זאָגט אַ פּאָר מאָל אין דעם בוך אַז „אונזער נאַציאָנאַליזם איז נור אַ בענקשאַפט נאָך נאָרמאַליטעט" פילט אַליין צייטנווייז זיין אייגענע אַנטוואָרצלטקייט....)

קעסטלער איז הויפּטזעכלעך אויסן אין דער „נאָוועלע" צו „מאַכן אַ קיים" ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש פאַר די יידישע טעראָריסטן אין א"י — פאַר די אירגוניסטן, פאַר די שטערן בריונים.... און ער מאַכט די „קיים", ניט ווי אַ יוריסט און אַדוואָקאַט און ניט ווי אַ קינסטלער, אָדער אַ ריכטער, נור.. ווי אַ ביטערער, טאַלאַנטפולער פּאַמפלעטיסט מיט קינסטלערישע פּאָעי־

קייטן און מיט אַ גרויסער מאָס אייראָפּעאישער קולטור (ניט אינגאַנצן אפשר פאַרדייעטער).

ער איז צו פאַרבלענדעט און פּאַרטייאיש אין און מיט זיין „טעזע: אַז ער האַלט אין דעם בוך מיט די עקסטרעמיסטן באומאַן און זשאָזעף מוז ער שוין מאַכן אַ קאַריקאַטור אַ פּאַרזעעניש (אויך אין אויסזען) פון מאַקסן, וועלכער פּראָטעסטירט קעגן די יידישע פאַשיסטן, וואָס וואַרפן באָמבעס אין אַראַבישע מאַרקן....און גלויבט אַז די איינציקע האָפענונג אונדזערע אין א"י איז אין אַ צוזאַמענלעבן מיטן אַראַבישן פאָלק.

(פון אַרימען גליקשטיין, דעם אָפּיציעלן פאַרטרעטער פונם ישוב מאַכט שוין קעסטלער אינגאַנצן אַ תל)....

נו, ווער קען לייקענען אַז מען קען מאַכן אַ פיינע „קיים" פאַר אונדזערע עקסטרעמיסטן אין א"י, וועלכע ווערן געטריבן דורך שוואַרצן יאוש און פּעראַט, און פון אַזאַ ליידענשאַפטלעכער בענקשאַפט נאָך אַ נאָרמאַלן, געזונטן יידישן לעבן צו זייערע מעשים....פאַר אַ קינסטלער זיינען זיי, אַזוי צוזאָגן, אַ „ראַנקבאַרער מאַטעריאַל" (איך האָב שטענדיק, למשל, געהאַלטן פון זשאַבאָטינסקים טעמפּעראַמענט ווי פון זיין פּאָליטיק און „פּראָגראַם"); אָבער אַ אמתער קינסטלער און נאָוועליסט, אָדער אפילו אַ שופט דאַרף אויך קענען זעען „די אנדערע זייט". און קעסטלער קאָן עס ניט — אפשר איז עס אַ ירושה פון זיין אַמאָליקער פּאַרטייאישקייט פון וועלכער ער איז אַזוי פּאַרטייאיש אַנטלאָפן? און אפשר איז ער בטבע אַ פּאַמפלעטיסט וואָס ווערט פאַרשלונגען פאַרכאַפּט פון איין מאָטיוו, און — צוליב פאַרשידענע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן (ער אַליין וואָלט שוין געפינען אַ מאָדערנעם וויסנשאַפטלעך קלינגענדן נאָמען מיט וועלכע ער האָט ליב קאָקעטיש צו זשאָנגלירן) —קען ער שוין ניט זען די „אַנדערע זייט" פון דער פּראָבלעמע, פונם מאָטיוו.

* * *

אָט שוין צוליב דעם קריגעריש־פּאַמפלעטיסטישן טעמפּעראַמענט אַליין האַלט די נאָוועלע ניט אויס אַ קונסט קריטישן אַנאַליז:

זי פאַרמאָגט ניט קיין איין לעבעדיקן מענטשן....אַלע זיינע „העלדן" און „טיפּן" זיינען אָנגעוואָרפענע שטריכן פון אַ טענדעציעזן, זשורנאַליסטישן אילוסטראַטאָר....ערטערווייז געלונגענע, שאַרפע..אָבער דאָך נור שטריכן און מען זעט קיין איין גאַנצן מענטשן ניט אפילו ניט אין איין דימענסיע, אין איין פלאַך....שטריכן צו פאָרטרעטן אָדער צו קאַריקאַטורן אָבער אַלץ נור שטריכן. און אַזוי אַלע —די יידן, די ענגלענדער, די אַראַבער....און סרוב זיינען זיי אויך מער פּראָדוקטן פון שרייבערס קולטור און אינטעליגענטקייט, און פון זיינע קינסטלערישע איינפאַלן און סכעמאַטיזאַציעס ווי פון דירעקטע שטודיען און אָבסערוואַציעס....מיטן סך הכל אַז איר קענט אָנמעסטן די אילוסטראַטיווע צייכנונגען פון קעסטלערס בוך צו מענטשן וואָס איר אַליין קענט אָדער אָבסערווירט, אָבער מיט לעבעדיקע מענטשן און כאַ־



ראַקטערן האָט איר זיך אין דעם בוך ניט באַקענט. אַלע רעדן זיי און האַנדלען ווי דעם קלוגן און בייסענדען קעסטלער ווילט זיך זיי זאָלן רעדן....ווען דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט — מעטיו — זאָגט, צום ביישפּיל, זער קלוג און „גייסטרייך" אַז „דעם יידנס פּאַטריאָטיזם איז זיין זעלבסט־האַס" ווייסט איר אַז דאָס זאָגט קעסטלער אַליין..און אַזוי די ענגלישע באַאַמטע, זייערע פרויען, די אַראַבער אַלע לעבן ניט מיט זייער אייגן לעבן, נור מיט קעסטלערס איינפאַלן ווי ער שטעלט זיך זיי פאָר ביים שרייב טיש, און זיי רעדן ווי קעסטלער שטעלט זיך פאָר — אָפט געלונגען — אַז זיי דאַרפן רעדן. דערפאַר איז כמעט קיין איין מענטש ניט איבערצייגט אין קעסטלערס נאָוועלע. און אפילו ניט דער הויפּט העלד זיינער — זשאָזעף — דער געוועזענער ענגלישער „אַנדערגראַדועט" און שוסטער אין דער קבוצה „עזרה'ס טורעם", וועלכער זעצט איבער אין דער פרייער צייט פּיפּס טאָג־ביכער....אָט דער הויפּט העלד קעסטלערס אַ זון פון אַ באַקאַנטן רוסיש־יידישן פּיאַניסט און אַ ענגלישער מיטל־קלאַס מוטער איז אינגאַנצן אַ אויסגעטראַכטער, אָדער קלוג צוגעטראַכטער..שוין אַ שפּאָר ביסל צוקלוג צוגעטראַכט..אָט דער אינגאַנצן ניט־יידיש דערצויגענער אָקספאָרד סטודענט — זיין פאָטער איז געשטאָרבן אין זיין קינדהייט — האָט זיך פלוצלונג אומגעקערט צו זיין פאָלק ווען אַ סאָסייטי פרוי אין וועלכער ער איז געוועזן פאַרליבט האָט פלוצלונג אין אַ נאַכט „אָרגי" מיט אים אָנגעצונדן די ליכט און דערזען אין זיין נאַקעטקייט אַז ער איז גע'מל'ט...און אַזוי ווי זי איז געווען אַ פאַשיסטקע, אַנטייל גענומען אין מאָזלים דעמאָנסטראַציעס אין דער איסט ענד, האָט זי אינמיטן דער נאַכט וואַקכאַנאַליע אים געמאַכט אַ סקאַנדאַל, און פון אים אַנטלאָפן..און זשאָזעף וועלכער האָט ביז יענער נאַכט אַפּנים אויך ניט געוואוסט, אַז ער איז גע־מל'ט, צו אַ ייד, איז געוואָרן אַ בעל תשובה — זיך אומגעקערט צו זיין פאָלק, צו זיין לאַנד וואו ער וועט אַמבעסטן „קענען דאָס פאַרגעסן" און ער איז געוואָרן איינער פון די גרינדער פון דער קבוצה „עזרה'ס טורעם" ביז..ער איז און איז נאָך אַ לאַנגן חשבון הנפש געוואָרן אַ מיטגליד פון באומאַנס אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע....

און אָט דער זשאָזעף איז דער גאַנצער העלד, דער גאַנצער יידישער האַמלעט אין קעסטלערס נאָוועלע..און קעסטלער האָט אים געמאַכט פאַר זיין „מויל" אין דער נאָוועלע; און ס'איז אַ מויל וואָס שיט בלויז מיט גייסטרייכע פּאַראַדאָקסן, ראַפינירטע אָבסערוואַציעס וועגן יידן, רעוואָלוציעס, געשלעכטסעקס שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין קעסטלערס דענקען קאָמוניזם, ענגלענדער א.ז.וו.

זשאָזעפן האָט קעסטלער באַשאָנקען מיט זיין גייסט און קולטור רייכן האָב און גוטס מער ווי אַלע אַנדערע טיפּן און העלדן אין דער נאָוועלע.... און דאָ, און אפשר טאַקע דערפאַר איז ער דער אַמווינציגסטער איבערצייגנדער טיפּ זיינער..און כאָטש אונדזערע רעוויזיאָניסטן און אַנדערע א"י עקס־

טרעמיסטן פרייען זיך מיט קעסטלערס נאָוועלע, וואָלטן זיי זיך, דוכט זיך מיר, געדאַרפט פילן באַליידיגט דורך אַזאַ אַפּאָלאָגעטיקער ווי קעסטלערס זשאָזעף. ער איז אויסגעטראַכט, „סאַטשיניייעט״: צונויפגעשטיקעוועט פון גלענצענדע אָבער ניט דורכגעלעבטע פון מחבר איינפאַלן און אידעען.

קעסטלער האָט אַ סך אַזעלכע מאָדנע פּסיכישע אידיאָסענקרעסיס (ער האָט מסתמא אַ בעסערן און וויסנשאַפטלעכערן טערמין דערפאַר) און איניקע פון זיינע „פייוואָריט״ העלדן זיינען געקומען קיין א״י ווייל זיי האָבן „עפּעס צו פאַרגעסן״.... אַלע כמעט אַנטלאָפענע פון באַליידיגונגען, שוידערלעכע און שענדלעכע באַליידיגונגען.. דינה.. האָט אוודאי געהאַט אין וואָס צו פאַרגעסן; באומאַן, דער קאַלטער און אייזערנער „פירער״ האַלט זיך אין איין ווישן די באַק״....נו, און זשאָזעף האָט דאָך אויך אין וואָס צו פאַרגעסן.. נו, מיר ווייסן אַלע איבערגענוג פון פאַלן — פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע — אין וועלכע עס ווילט זיך פאַרגעסן, אָבער מיר ווייסן אויך פון יידן וואָס זיינען ניט בלויז אַנטלאָפן קיין א״י עפּעס צו פאַרגעסן נור אויך פון אַסך יידן וואָס זיינען אַהין געפאָרן פון ליבשאַפט צו פאָלק און לאַנד — און צוליב אַ ברענענדיקער ליידענשאַפטלעכער בענקשאַפט צו אַ נאָרמאַלן און געזונטן יידיש לעבן.—

נו, עס וועלן זיך געפינען איניקע וואָס וועלן זאָגן אַז די גאַנצע מעשה מיט זשאָזעפס תשובה איז „שלעכטער געשמאַק״; מיר דאַכט זיך אַז דאָ איז ניט דער פאַל פון שלעכטן געשמאַק ווי פון אַ „געניאַלן איינפאַל״ וואָס איז שלעכט אויסגענוצט געוואָרן.. עס וואָלט געווען אַ גלענצענדער איינפאַל פאַר אַ סאַטירע פון אַ בעל תשובה וואָס האָט אַנשטאָט אויסלאַכן זיך געזונט פון אַ פּיקאַנטן אינצידענט איז גאָר אַריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה....די פּאַשיסטישע „סאָסייטי ביוטי״ האָט ניט געהאַט קיין חוש פאַר הומאָר, וואָס זשע טוט קעסטלער? — רויבט ער אַוועק פון זשאָזעפן דעם טייערן חוש.. און מאַכט אים נאָך פאַר אַ יידישן האַמלעט....

אָבער דאָס איז שוין אָפט דער גורל פון „געניאַלע איינפאַלן״.

* * *

אָבער עס זיינען זיכער דאָ אַ סך גלענצענדע בלעטער — און אַ פּאָר פיינע, קורצע עסייען — אין דער אויפרייסענדער „נאָוועלע״ קעסטלערס. איך האָב ניט געלייענט אַלע זיינע ווערק, נור איך האָב דאָך דעם איינדרוק אַז די נאָוועלע איז איינע פון זיינע בעסטע ווערק. אפשר דאָס בעסטע וואָס ער האָט ביז איצט געשריבן. ווייל אין דעם בוך איז ער ניט אַזוי אַבסטראַקט־אינטעליגענט־פּראָבלעמאַטיש — (און אינטערנאַציאָנאַל־יידיש־אַנעמיש, ווי דער רוב יידן וואָס שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן....): אין דעם בוך שרייבט ער ווי אַ ייד; דאָס איז ניט אַ כאַראַקטעריסטיש יידיש „פּאַספּאָרטלאָזער״ בוך. אין דעם בוך שטייט ער מיט די פיס אויף באָדן (כאָטש אָפט דאַכט זיך, אַז ער שטייט נור מיט איין פוס אויף דעם באָדן און מיט דעם צווייטן איז



ער שוין גרייט ערגעץ צו אַנטלויפן....) אויפדעם באָדן פון דעם געבאָטן און אויסגעבענקטן לאַנד. —

קעסטלער קען גוט דעם יידישן ישוב, דעם נייעם יידישן ישוב. דעם נייעם דור (די „יונגע טאַרזאַנס״), וועלכער איז אַזוי ווייט און פרעמד פונם גלות־ייד. דאָס בעסטע אין דעם בוך איז דער אונטערגרונד — דאָס לאַנד, דער פּאַלעסטינער לאַנדשאַפט. און ס׳איז באמת אַ שאָד וואָס קעסטלער האָט זיך ניט באַנוגענד מיט דער אויפגאַבע פון אַ גוטער קינסטלערישער רעפּאָרטאַזש־נאָוועלע: ווען ער גיט אונדז אַ כראָניק, אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש פון דער קבוצה „עזרה׳ס טורעם״, און ער שילדערט אונדז אירע גרינדער און די נייע עולים אַזוי ווי זיי זיינען און זייערע טאָג־טעגלעכע מלחמות — מיט דער אַדמיניסטראַציע און מיט די שכנה׳שע אַראַבער — זייער אַרבעט, האָפענונגען און ליידן „אַזוי ווי זיי זיינען״ (אָט אפילו ווי פּיפּס האָט געשריבן זיינע באַרימטע טאָג־ביכער) וואָלט דאָס בוך ניט נור געהאַט אַ גרויסע דאָקומענטאַרע און היסטאָרישע ווערט, נור אויך אַ פיל איבערצייגענדערע פּראָפּאַגאַנדע־ווערט.

די טראַגישע געשיכטע פון אַ קבוצה פון איר גרינדונג־טעג ביז היינטיקע טעג — וואָס פאַראַ פּראַכטפולע טעמע. אָבער קעסטלער איז אַפנים פון די ליטעראַרישע גבורים וואָס קאָנען ניט „כובש זיין זייער יצר״ און מוזן קלערן אויף די הויכע דרכים פון אולטראַ מאָדערנע פילאָזאָפישע און פּסיכאָאַנאַליטישע פּראָבלעמען.... ער מוז זיך אַליין ווייזן אויס, שטענדיק איבערשטייגן.. און דווקא זוכן און אָנטשעפּן דאָסטאָיעווטשינאַ און פרוידיזם אין מענטשן, וועלכע וואָלטן געווען פיל אינטערעסאַנטער און אוודאי לעבעדיקער אָן די צוטשעפּעניש. —

איך מוז אויך זאָגן אַז פאַר מיר איז געווען איינגענעם־איבעראַשענד זיינע ווייט ניט קאָמפּלימענטאַרע, קאַריקאַטורעלע שילדערונגען פון די ענגלענדער (ניט דווקא רעאַליסטישע): פון אַ יונגן יידישן שריפטשטעלער, וועלכער איז געוואָרן אין אַ געוויסן זין „„פעשאָנעבל״ צווישן געוויסע קרייזן אינטעליגענטע ענגלישע לעזער — האָב איך עס ניט דערוואַרטעט, ווייל ס׳רוב ווערן זיי ווילנדיק־ניט־ווילנדיק „מה יפית׳דיק״.

וועלן אים די ענגלענדער מוחל זיין אָט די „בייזע קאַריקאַטורן״ וואָס ער האָט געמאַכט פון זיי? וועלן די אַמעריקאַנער געשמאַקער קעסטלערן לייענען אויך דערפאַר וואָס ער האָט אין דער נאָוועלע געגעבן אַזאַ פיינעם, אידעאַליזירטן טיפּ פון אַן אַמעריקאַנעם זשורנאַליסט?

אַזעלכע „קליינקייטן״ שפּילן דווקא אַ ראָלע ביי די היינטיקע פעלקער מיט זייער צו עמפּינדלעכן נאַציאָנאַליזם....(ניט נור יידן האָבן אין דעם פּרט אַ דינע הויט). אָבער קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט — געטריישאַפט צו מאַטעריאַלן און פאָרמען און שטודירן אַ כאַראַקטער — איז ניט קעסטלערס שוואַכקייט.

* * *

אָבער דעם גרעסטן שבח וואָס מען קען געבן אָט דער ענגלישער נאָוועלע איז דוכט זיך מיר וואָס איניקע שטיקער פון אים וואָלטן אויך געקענט געשריבן ווערן פון יידישע אָדער העברעאישע שרייבער!

וואָס וואָס, נור ס'איז ניט קיין אַפּאָלאָגעטיש בוך; קעסטלער וואָגט צו זיין אויך זעלבסט־קריטיש און דאָס וואָגן זער זעלטן די יידן וואָס שרייבן אין פרעמדע שפּראַכן און הויפּטזעכלעך פאַר ניט יידישער לעזער. (און אָט די זעלבסט־קריטישע נאָטקעס אין קעסטלערס נאָוועלע ווירקן עס אַזוי „ניי" אויף די ניט יידישע לעזער וואָס קענען נור די יידישע אַפּאָלאָגעטיק און קענען גאָרניט די נייע העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן).

אָבער ווי איך האָב פריער שוין באַמערקט שטייט קעסטלער נור מיט איין פוס אויף אַ באָדן און מיטן צווייטן איז ער דאַכט זיך שוין גרייט ערגעץ צו לויפן — אפשר צוריק צום אַנעמישן אסימיליאַטאָריש־יידישן קאָסמאָפּאָליטיזם.

קעסטלער שטייט „אויף צוויי שוועלן":

אויך מענדעלע מוכר ספרים, ביאַליק (פון וועמען זאב זשאַבאָטינסקי, קעסטלערס נייער רבי, איז אין דער יוגנט אַזוי באַאיינפלוסט און פאַרמירט געוואָרן טעמפּעראַמענטאַל....) און אַלע אַנדערע באַדייטענדע יידישע און העברעאישע שרייבער פון דער השכלה ביז לעצטנס, זיינען געווען זעלבסט־קריטיש, אָבער ס'איז געווען אַ נאַטירלעכע, אינערלעכע זעלבסטקריטיק, וועלכע האָט געשטאַמט פון דער גרויסער ליבשאַפט און בענקשאַפט נאָך אַ געזונט פאָלקס לעבן; ביי קעסטלערן אָבער איז אָט די זעלבסט־קריטיק, דאַכט זיך, אונטערגעשלאָגן מיט דעם ניט סימפּאַטישן סנאָביזם פון דעם געוויסן סאָרט יידיש־אייראָפּעאישן אינטעליגענט, דעם האַלב־אַסימילירטן, וואָס מיינט אָדער רעדט זיך איין אַז ער איז אַ מין „אויבער־מענטש".

למשל, ווען ער זאָגט (מיטן מויל פון זיין העלד) אַז „ער איז געוואָרן אַ„היברו" ווייל ער האָט פיינט דעם ייד" — שאָקירט עס אפשר און אינטריגירט דעם ניט יידישן לעזער וואָס האָט ניט ליב יידן. אָבער דעם יידישן צו העברעאישן לעזער קלינגט עס גאָרניט אַזוי אָריגינעל, קאָנפעסיאָנעל און „ניי": ס'איז די „שנאה" צום גלות, צום פּסיכאָלאָגיש קראַנקן יידן, די שנאה צו דעם כאַראַקטעריסטיש יידישן „אסימיליאַטאָר" וועלכער הנדלט זיך אָפט פאַר די גוים אפילו מיט זיין „שנאה צום ייד"....

וויפל מאָל איז דאָס ביי אונדז אין פאַרשידענע פאָרמען געזאָגט געוואָרן?

„מיר זיינען שטאָלצע, שבת־יום טובדיקע יידן"; „מיר זיינען נייע יידן", אַ סך פון אונדז האָבן שוין לאַנג געלעבט פּסיכיש און אידייאיש „כאילו" — גלייך ווי מיר וואָלטן שוין לאַנג אויסגעלייזט געוואָרן מיט אַ אייגן לאַנד, שפּראַך און ליטעראַטור.. און מיר האָבן אָפט ניט ליב געהאַט אָט די „ניט אויסגעלייזטע" און „ניט באַפרייטע" נאָך יידן....



אָבער ווען „קעסטלער־זשאַזעף" זאָגט „איך בין געוואָרן אַ היברו ווייל איך האָב פיינט דעם ייד" שמעקט עס מיט דעם נעבעכדיקן סנאָביזם פון דעם אינטעליגענט וואָס רעדט שוין אַן ענגליש מיט אַן אָקספאָרד אַקצענט.... אָדער איז עס קעסטלערס ליטעראַריש זשאָנגלירן מיט אַפּשרעקנדיקע שענע פראַזן וואָס שרעקן נור די גענז?

אגב, איז אויך טוכלע סנאָביש זיין „גייסטרייך" וואָרט אַז „ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט ווייל ער האָט פיינט אָרעמקייט": ס'איז אַזוי פילאַנטראָפּיש „ליידי־לייק" — פיינט האָבן אָרימקייט בתכלית שנאה קען מען נור די אייגענע אָרימקייט; צו אָרימקייט בכלל קען מען נור האָבן אַ געפיל פון שולד.—

„מאָמענטנווייז, שרייבט קעסטלער, האָט זיך זשאָזעפן געדאַכט אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט מאַסקעס פון אַראַישע קריכענדיקע פאַרזעענישן („רעפּטיילס") — און דאָס צווישן דער יוגנט פון די קבוצות — פון וואָס פאַראַ קראַנקן אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס מוז מען ליידן אַריינצופאַלן אין אַזאַ שטימונג? אָט דער אָרימער, הומאָרלאָזער זשאָזעף, וועלכער איז געקומען צוריק צו זיין פאָלק און לאַנד ווייל אַ סאָסייטי־פאַשיסטקע איז פון אים אַנטלאָפן נאָך דעם ווי זי איז מיט אים אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן און האָט פלוצלונג אויפגעדרעט די ליכט און דערזען — אַ גוואַלד, אַ גוואַלד — אַז ער איז גע'מל'ט....

אָבער ווי געזאָגט שטייט אויך קעסטלער מיט איין פוס אויף געזונטן באָדן, און מען קען געפינען עטלעכע געזונטע שטיקער פּראָזע אין זיין נאָוועלע, און אַ פּאָר געזונטע אָבסערוואַציעס....

און עס ווילט זיך אונדז גלייבן אים, ווען ער זאָגט וועגן זיין העלד, אַז „זיין שפּאָטן פון זיך אַליין האָט ניט געקענט אָפּמעקן אין אים די שטאָלצע פרייד פון אייגענטום, דאָס אונזיניק פרעליך געפיל אַז אַלעם אַרום אים איז זיין אייגענע, אויסשליסלעך און אינגאַנצן, אייגענע שאַפונג, אַריינגערעכענט זענען די הינער און די טשערעדעס שאָף וואָס נידערן אַראָפּ פון די בערג פון אפרים"....

* * *

מען הערט אָפט צווישן שרייבער און קריטיקער אַזאַ מין סאָרט טשיקאַווע מיינונג: „דאָס און דאָס בוך איז קינסטלעריש ניט קיין גוט בוך אָבער עס האָט געדאַרפט געשריבן ווערן".

און די מיינונג האָב איך געהערט אויך וועגן קעסטלערס „ווי גנבים אין דער נאַכט". איך האַלט ניט פון אָט דער עטוואָס „יעזואיטישער" מיינונג און גלויב אַז אַ בוך איז אָדער גוט אָדער שלעכט, אָדער העכער אָדער שוואַכער, און די ביכער וואָס זיינען קינסטלעריש אָדער אידעאיש דורכגעפאַלן קענען ניט באַרעכטיקט ווערן מיט זייער נעגאַטיווער ווערט, באשר זיי האָבן „אויפגעריסן" די אויגן פון דער וועלט צו אַ אַנגעווייטאָגטער און ברענענדיקער

פּראָבלעמע. אין לאַנגן לויף מוז מען זאָגן אויף די ביכער „יצא שכרם בהפסדם“: זיי רייסן טאַקע אפשר אויף די אויגן פון דער וועלט צו געוויסע פּראָבלעמען אָבער זיי פאַרפירן סרוב און פאַרשפּעטיגן נור די לייזונג.

אָבער די פראַגע צו קעסטלער האָט געדאַרפט אָדער ניט געדאַרפט שרייבן דאָס בוך איז אַ אַרויסגעוואָרפענע: ער איז ניט קיין פאַרשטייער פון אַ פּאַרטיי אָדער אַן אָרגאַניזאַציע; ער איז אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם נאָמען און איז אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין שרייבן. און אין אונדזערע פרייע ליטעראַרישע רעפּובליקן פרעגט קיינער ביי קיינעם ניט — סיידן ביים פאַרלעגער — צו ער זאָל שרייבן דאָס בוך צו ניט. אַלענפאַלס האָט אָט די נאָוועלע קעסטלערס מעלות וואָס אַ סך מיטלמעסיקע און „אויסגעהאַלטענע“ נאָוועלעס האָבן ניט. אַנדערע ברייען — און קעסטלער האָט אויך אַ סך פּאַרטייאישע שונאים צוליב זיין אַנטיסאָוועטישער ליטעראַרישער טעטיקייט פון די לעצטע יאָרן (ער איז אַמאָל געווען אַ קאָמוניסט) — אַז אין דער לעצטער נאָוועלע זיינער ווייזט ער זיך אַרויס ווי אַ סימפּאַטיקער פון פאַשיזם דערמיט וואָס ער פּרובט אין דעם בוך באַרעכטיקן דעם יידישן טעראָריזם און „יידישן פאַשיזם“ אין א"י....

נו, מיר שרעקן ניט אַזוי די צונעמען „יידישער פאַשיזם“ און שוין פּשוט דערפאַר ווייל איך גלויב אַז אויך געוויסע יידישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שיכטן קענען זער לייכט אָנגעשטעקט ווערן פון אָט דער סאָציאַלער קראַנקייט; איך האָב שוין לאַנג געזאָגט דאָס ווען דעם פאַשיזם וואָלט זיך געלוינט ניט צו זיין אַנטיסעמיטיש, וואָלט אַ גרויסע צאָל פון אונדזער יוגנט געוואָרן פאַרברענטע פאַשיסטן (איידער מוסאָליני האָט איבערגענומען היטלערס ראַסישן אַנטיסעמיטיזם האָבן אַסך איטאַליענישע יידן זיך אָנגעטון שוואַרצע העמדלעך)....

מיט אונדזער גאַנצן ספּעציפיש יידישן טראַגיזם זיינען מיר דאָך ווי אַלע פעלקער און ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. כאָטש אייניקע פון אונדז ווילן גלויבן אַז מיר זיינען עטישער פון די אַנדערע פעלקער. ס'איז נור אַ גרויס רעטעניש ווי אַזוי מיר — ד"ה געוויסע יידישע שיכטן — זיינען אפילו איצט נאָך דעם וואָס מיר האָבן געליטן פון נאַצי־פאַשיזם נאָך ניט אינגאַנצן געהיילט פון אָט דער געפערלעכער פאַר אַלע פעלקער מחלה....

איך וויל חלילה ניט זאָגן אַז די יידישע טעראָריסטן און אירגוניסטן אין א"י זיינען פאַשיסטן..אייניקע פון אָט די נייע בריונים און מכביים אונדזערע זיינען אפשר פיל העראָאישער און טראַגישער ווי די אַמאָליקע: זיי זען ווי דאָס לאַנד וואָס איז נאָך ניט ווידערגעבויט געוואָרן ווערט געדראָט מיט אַ נייעם אפשר לעצטן חורבן....

אפילו מיר זייערע קעגנער האָבן אָפּט דאָס געפיל אַז אפשר די בעסטע און געזונדסטע פון אונדזער היינטיקער יוגנט זיינען צווישן זיי. ווען אפילו פאַרפירט..און עס קען זיין אַז פון אַ ריין סאָציאַל־ביאָלאָגישן שטאַנדפּונקט



זיינען זיי אַ געזונטערער סימפּטאָם פון אונדזער לעבנספעאיקייט ווי דער דעפּעטיסטישער טייל פון אונדזער אינטעליגענץ וואָס זוכט איצט מיט די לעצטע כוחות אַ נייע צי באַנייטע יידישע מיסיע....

אָבער מיר טאָרן ניט פאַרגעסן אַז אפילו דער ביטערסטער יאוש באַרעכטיקט ניט געוויסע מעטאָדן און מיטלען; און אַז אַ טייל פון היטלערס און מוסאָלינים יוגנט, להבדיל, זיינען געווען דאָס וואָס ווערט אָנגערופן „אידעאַליסטיש“ און זיינען געווען גרייט זיך מקריב זיין פאַר זייער פאָלק און זייערע „פירער“; און דער עיקר טאָרן מיר ניט פאַרגעסן דאָס וואָס דאַרף שוין קלאָר זיין אַלעמען אַ די שפּיל מיט כוח וועט אומברענגען אַלע פעלקער פון דער ערד....

און ווען איך האָב געלייענט אין קעסטלערס בוך די סצענע אין דעם „פּאַלאַץ“ (דאָס הויז אין ירושלים פונם אַלטן רייכן בוכאַרער ייד, וואו די טעראָריסטן האָבן זייער געהיימע הויפּט קוואַרטיר) ווי דער „פירער“ גיט אַ פּאָר שאַרפע פּעטש דעם ירושלימער בחור מיט די לאַנגע פּאות לשם היילי־קער דיסציפּלין און פירערשאַפט פּרינציפּ האָט עס מיך אָפּגעעקעלט און אָפּגעשווידערט:

אויך מיר?..און זעקס „מיליאָנים“ יידן האָבן אונדז געקאָסט אָט די נאַרישע, ווילד־קינדישע און מעלאָדראַמאַטישע בלוטיקע שפּילערייען....

אויך מיר?..רבונו של עולם....

* * *

אַן ענגלישער „רעוויוער“ פון דער נאָוועלע האָט אויסגעפונען אין דער נאָוועלע די „אַנאַטאָמיע פון טעראָר“; מיר דאַכט זיך אַז דאָס קען מען ניט געפינען אין דעם בוך: ווען דער העלד זשאָזעף איז אַ לעבעדיקער מענטש און אַלע אַנדערע טיפּן זיינען דאָרט לעבעדיקע מענטשן וואָלט מען אפשר געקענט זוכן אין דעם בוך אַ אַנאַטאָמיע, אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון אַ טעראָריסט (כאָטש מען וואָלט דערצו געדאַרפט האָבן אַ דאָסטאָיעווסקי און ניט קיין קעסטלער און ניט קיין סאַווינקאָוו וועלכער האָט זיך אַמאָל אין „בליערני קאָן“ פאַרמאָסטן אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ רוסישן טעראָריסט)....

אָבער אַביסל פון דעם טראַגישן יאוש אונטערגרונד וואָס פירט צו דער מענטאַליטעט איז קעסטלערן דאָך געלונגען צו געבן: די ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט פון די, פון אַ פאָלק אַ שארית הפליטה צו אהיים....און „ווי גנבים אין דער נאַכט“ מוזן אָט די געראַטעוועטע אַריינ'גנב'ענען זיך צו דער „היים“ וואָס איז זיי אַזוי פיל מאָל געבאָטן געוואָרן, וואָס איז אַזוי פיל מאָל חרוב געוואָרן און וואָס ווערט מיט אַזוי פיל מסירת נפש דאָך ווידער געבויט..

„פאַרמשפּט צו לעבן אין עקסטרעמס זיינען מיר דאָך אין יעדער רעספּעקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן, נור נאָך מער אַזוי“. — דאָס איז אמת. „אונדזער הויפּט קראַנקייט איז היימלאָזיקייט“ און מיר מוזן געזונט ווערן ווייל מיר מוזן און ווילן לעבן מיט אַלע לעצטע כוחות.

קעסטלער זאָגט אָפּטמאָל אַרויס גלייכע און געזונטע געדאַנקען, אָבער נאָך מער מאָל פּאַרטיוקעט ער זיך צוליב אַ שען וואָרט לשם שען וואָרט.....

למשל, ווען ער זאָגט: „אויל דיין ביקס און האַלט קלאָר דיין שפּיגל" — שרעקט עס מיך דוקא ניט, ווייל עס מאַכט גאָרניט קלאָר.

ווי אויבן געזאָגט האָט קעסטלער ליב פּאַראַדאָקסן וועלכע קלינגען נאָך אמתער ווען מען דרייט זיי איבער פּונקט קאַפּויר:

„מען וועט אונדז דאָס קיינמאָל ניט מוחל זיין ווייל מיר ווייסן וואָס מיר טוען; און מען וועט אונדז קיינמאָל ניט פאַרגעבן ווען מיר טוען דאָס ניט".

צו דעם קען מען גלויב איך צוגעבן אַז „מען וואָלט אונדז דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעבן ווען מיר טוען דאָס ניט", ווייל מיר זיינען דאָך נעגאַטיוו־און־פּאָזיטיוו מענטשלעך ווי אַלע..ניט מער אפשר ווי אַלע....

און קעסטלערס מאמר המוסגר (זיין הויפּט באַרעכטיקונג פון טעראָריזם): „אַ פאָלק וואָס בלייבט אָביעקטיוו ווען זיין לעבן איז אין קאָן איינגעשטעלט מוז אונטערגיין" — איז אפשר אויך פיל אמתער פּונקט פאַרקערט:

„נור פעלקער וואָס פאַרלירן ניט די קעפּ אפילו ווען זייער עקזיסטענץ איז איינגעשטעלט און קענען אָביעקטיוו אָפּשאַצן די כוחות — פיינטלעכע און פריינטלעכע — אַרום זיי, בלייבן לעבן".


„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאַרריס מייער

די איינציגע טעגליכע אידישע צייטונג אין אייראָפּא.

אילוסטרירטער טעאַטער שפּיגל

חודש־זשורנאַל, אַרויסגעגעבן פון „פאָלקס־הויז" (בית־עם) און פון נייי־אידיש־טעאַטער אין לאָנדאָן. אין יעדן נומער דערשיינען אַקטועלע אַרטיקלען און ידיעות, וואָס זענען נוגע דעם יידישן טעאַטער אין לאָנדאָן און אַנדערע לענדער.

פּרייז פון 1 נומער: **1 שילינג**

אַדרעס: —

"THEATRE MIRROR"
Adler Street, London, E.1
England.

Telephone: — BIS 1320.




דוד זיידענפעלד

## וועגן חוה ראָזענפאַרבס „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד און אַנדערע לידער"

לידער פון האַרץ צו האַרץ זענען די לידער פון חוה ראָזענפאַרב. אַ נאָך גאָר יונגע יידישע פּאָעטקע פון לאָדזש־בערגען־בעלזען־בריסל. זי שטייט אויף דער שוועל פון דער יידישער פּאָעזיע, מיט אַ פריש־לופטיק וואָרט, אַ טרער אין די אויגן, פרייד אויף די ליפּן און אַ היימיש טרויעריק געזאַנג אין דער יונגער נשמה.

איר ביכל, איר ערשטער ביכל לידער: „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד און אַנדערע לידער" האָט אַרויסגעגעבן דער גוט באַקאַנטער לאָנדאָנער יידישער דיכטער משה עובד.

חוה ראָזענפאַרב האָט אים שוין זיכער לאַנג געזאָגט אַ שיינעם דאַנק דערפאַר. איך זאָג אים אַ שיינעם דאַנק איצט. דער יידישער לעזער וועט אים שפּעטער זאָגן אַ שיינעם דאַנק, אַז ער וועט האָבן אויסגעלעזן דאָס ביכל פון אָנהייב ביז צום סוף.

חוה ראָזענפאַרבס פערזן און סטראָפן קומען פון אַ האַרץ וואָס האָט געבלוטיקט און געליטן, ווען זי האָט אַ דורכגעמאַכט אַלע גלותן, אַלע שבעה מדורי גיהנום פון דער לאָדזשער געטאָ, און פון בערגען־בעלזען, באַלד אין דעם פרימאָרגן פון אירע יונגע יאָרן.

איר לעבנס־פרילינג האָט ערשט אָנגעהויבן צו בליען; דאָס געזאַנג פון דער הימלישער שירה האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו ברומען אין איר פאַרליבט האַרץ; איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט אַרויסצולאָזן דעם ערשטן טריל אויף דער וועלט, איז זי אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ טאַוולאָניש־גיהנום טעאַטער, ווי זי אַליין איז געוואָרן איינע פון כאָר, אַ שוישפּילערין און אַ העלדין פון אַ דאַנטיש־אויספאַנטאַזירט לעבעדיק געוואָרן שוידער־שפּיל.

וויפל מענטשלעכקייט האָט געמוזט זיין אָנגעזאַמלט אין איר האַרץ, וויפל כח האָט געמוזט האָבן איר נשמה, אַז ליבע זאָל אַלץ נאָך זיין די הויפּט באַהערשערין פון איר ליד. אַנשטאָט אויפגערייצט צו ווערן איז זי אויסגעלייטערט געוואָרן. אָדער אפשר זענען אירע פייער־צונגען פון האַס אויסגעלאָשן געוואָרן פון די שטאַרקערע כ'וואַליעס פון אייביק מענטשלעכע ליבע?....

און ווי שטאַרק דאָס פידעלע פון אייער האַרץ זאָל נישט זיין, וועט אַ סטרונע דאָרט מוזן פּלאַצן, ווען איר וועט לעזן אין איר „וואָרט צום לייענער" אַזאַ שורה:

„און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, מיר לעבן־געבליבענע, מיר האָבן אַ הייליקע מיסיע. מיר דאַרפן ליב האָבן"....

דער ניכטערסטער מענטש וועט זיך מוזן דערמאָנען אין זיין אָנהייב־

פרילינג, ווען מיטן ערשטן פויגלישן פיפס זיינעם, ס'האָט אים אָנגעהויבן צו וואַקסן די ערשטע פאַנטאַזיע פליגלעך....

מיט איר קינדישער יונגער ליבע חברט זיך אויך אַ מיידלישער קאַפּריזנער שוואונג און צוזאַמען פירן זיי אונדז אַריין אין אַן אַטמאָספערע פון אַ היימיש פאָלקסטימלעכע טרויעריקייט. אונטערן דורכזיכטיקן שלייער פון טרויער, זעט מען אָבער אַ פּנים מיט פריידנס־לוסט און אַ דרינגלעכע אויפפאָדערונג צום לעבן. עס איז דער געוואַלטיקער חסידישער חשק און פאַנאַטישקייט אַלעמאָל אָנצוהייבן דאָס לעבן אויפסניי — מיט ליבע.

זענען טאַקע פרייד און ליבע די פינקלדיקע זיילן אין איר אַלט־נייעם אני מאמין „ואהבת לרעך כמוך“. און זי ווייזט זיך איילמאָל פאַר אונדז, אין אירס אַ ליד, ווי אַ רעוואָלוציאָנערקע אויפן קרייץ מיט אַ שמייכל פון רחמנות אויף די ליפּן, בשעת צערייצטע גראָטעסקע פיגורן קלאַפּן נעגל אין אירע פיס און אין אונטערגרונט באַוועגן זיך לעבעדיקע סקעלעטן און אין נאָך אַ צווייטן אונטערגרונד פון רויך און פייערן שטיין גייסטער־געשטאַלטן. די פערזן פון איר ליד „ממעמקים“ רעדן פאַר זיך אַליין:

„און קיינמאָל זענען הימלען געווען אַזוי חושך
און קיינמאָל וועלטן אַזוי טויזנטפאַך פאַרשלאָסן
און קיינמאָל איז אַ פאָלק איז זיין תּפילה דער לעצטער
נישט געווען אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן.“

און אין יענע שעהן פון פאַרצווייפלונג און בושה ווען ז'איז געשטאַנען אַ נאַקעטע מיט אַן אָפּראַזירטן קאָפּ און געוואַרט אויפן טויט האָט זי זיך דערמאָנט די גאָלדענע טעג....די ליכטיקע טעג....פון דער געטאָ־צייט:

„און קיינמאָל האָבן ווענט געשיינט נאָך אַזוי ליכטיק
ווי אונטער שוואַרצע פענצטער פון דער היים,
ווי ביי דעם לעצטן מאָלצייט, און דער שעה דער לעצטער
ווי ביי די לעצטע משפּחהדיקע רייד.“

און אין אוישוויץ טאַקע, ווען איר נשמה האָט שוין באַלד מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן איז געקומען צו איר דער רוח הקודש פון ליבע און זי אויפסניי אויפגעהויבן און איר געגעבן אַ פרישן כּח. אין איר אַלעגאָרישע „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד“ אַ דרייסטע פאַרמעסטונג מיט צייכנס פון מער ווי דורכשניטלעכן טאַלאַנט און לאַנג־אָטעמדיקער כּח. זינגט זי ווי אַ מיידל וואָס פירט אַן אַ שטיקל ברוגז מיטן אַלטן גאָט:

כ'וויל האָבן אַ נייעם פאַרשיכורטן גאָט,
און אַ פריידיקן שוואונג אין די גלידער“.

אַ שיינער טויאיקער טראָפּ אין דעם גרויסן עמק הבכא פון דער לעצטער יידישער פּאָעזיע.

נאָר עפּעס געפעלן מיר אירע קליינע לידער אַ סך מער. ווי דער אָנהייב פון איר ליד „צעשיידונג“:



„נאָך איינמאָל גיב מיר דיינע הייסע אָרעמס,
מיט פיבערדיקע קלאַמער אום מיין לייב.
און גורלדיק אַזוי געקניפּט, צעשטורעמט
פאַרקנוילן זאָל זיך יאָמער מיט דער פרייד“.

און דער אויסלאָז:

„נאָך איינמאָל לאָמיר פילן אונדזער אָטעם,
די וואַרעמקייט פון שמייכל און פון גלעט.
ווייל מאָרגן וועט עס זיין שוין בלויז אַ חלום
פון דער איינזאַמקייט אין ווייטן וועג....“

אין איר ליד „מיר קומען אום“....זענען דאָ בילדלעכע פּאָעטישע שורות וואָס זאָגן צו זער אַ סך און איך האָף אַז זי וועט דווקא זיי נעמען אַלס אַ מוסטער פאַר איר צוקונפטיקע שאַפונגען:

„די זון איז שוין נעגאַנגען....
אויף מערב־הימל ליגט צעשלאָבערט איר בעט
נאָך היים פון איר לייב.
אויף פורפור קישנס און צעפליקטע ציכן
ליגט נאָך דער טאָג און דערמאָנט“.

אויך וואָלט גוט געווען זי זאָל נישט פאַרגעסן אירע אייגענע פּשוטע שורות מיט אַ טיפן געדאַנק:

„לעבן..לעבן..לעבן....
ציטערסט אין מיין שויב,
כ'וויל שפּייען דיר אַ קללה
און כ'פליסטער נור אַ לויב“.

און צו דער זעלבער צייט אויך זיין אַ ביסל פאָרזיכטיק מיט איר מיידלישער קאָקעטישקייט. זי מער ווי אַלע דאַרף צו וויסן ווי אָנגעווייטיקט אונזער הארץ איז דעם איצטיקן מאָמענט, און וואוהין אונדזערע אמתע בענקשאַפט גייט.—— קאָן איר ווינק אין איר פּאָעמע „יצחקס חלום“ ווערן שלעכט פאַר־שטאַנען און מאַכן טרויריק דאָס געמיט און אַרויסרופן אַביסל אייפערזוכט..
וואָס האָבן מיר זיך דאָס פאַרדינט אַזוי?....

„גיי פון מיר יצחק, דו זוניקער בחור“
און:
„גיי פון מיר יצחק איך גיי צו גאָלגאָטע
דאָרט וואַרט אויף מיר קריסטוס און ס'וואַרטן מיט אים
די ליכטיקע העלדן פון רעוואָלוציעס
די יידן און גוים פון קידוש־השם“.

כ'פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מ'דאַרף נאָך היינט צו גיין לערנען ליבע, אויף אַזאַ ווייטן וועג אַזש קיין גאָלגאָטע וואו מ'קען חס ושלום פאַרבלאָנ־דזשעט ווערן....

כ׳קען איר געבן דעם אדרעס פון ר׳ הלל הזקן — ער לערנט אוים די תורה פון ליבע, אויף איין פוס....

און מ׳דאַרף נישט צו באַצאָלן דערפאַר מיט שייטערהויפנס.... און ווען מ׳שטייט אין דעם רעדל פון אַזעלכע שיינע יונגע יאָרן, איז עס גאָר נישט אַזאַ שלעכטער ענין, צו קאָנצענטרירן זיך און זיך אָריענטירן אויף דער שעפּפערישער ליבע פון שיר השירים....

וואו דער קוש איז זיסער פון ווין....

## ס. פאַלמע

### מיין באַגעגעניש מיט ביינוש שטיינמאַן אין 1919

ניט סתם וועגן א באַגעגעניש, בין איך דאָ אויסן צו שרייבן און ניט וועגן זיינע דראַמען אַלס אַזעלכע, נאָר וועגן עפּעס אַנדערש אין שייכות מיט זיין ערשטן מאָל וועלן דערשיינען אַלס דראַמאַטורג פאַר „ליטעראַטן“....

געווען איז עס אין מיט פון 1919 אין כאַרקאָוו, אוקריינע, ווען די „ווייסע“ האָבן „געבושעוועט“ און אַלץ נענטער געקומען צו דער שטאָט, און די צוגרייטונג וועגן ווידערשטיין, האָט זיך אָנגעהויבן פילן ממש אין דעם ווינט....

כ׳בין דעמלט געווען דער פאַרוואַלטער פון דעם יידיש קאָמ־קלוב; איז אַלץ און יעדער וואָס האָט געוואָלט וואָס „דערגיין“, איז געקומען צו מיר טאַפּן דעם דופק....

קומט זיך אריין א קליין ניט גאָר וויכטיק־אויסזעענדיק פיגורל, וואָס האָט זיך כמעט געשאַרט האַלב־שעמעוודיק ביי די ווענט, ביז ער האָט זיך ענדליך דערשאַרט צו מיר און אַרויסגעפּלאַצט:

— גוט מאָרגן. כ׳ווייס, איר זייט חבר פאַלמע. געלעזן אייך אין „שטערן“. כ׳קום אָפּט א הער צו די לעקציעס און אַמאָל כאַפּ איך א גלעזל טיי מיט צובייסן, אויב ס׳איז פאַראַן.... מיין נאָמען איז ביינוש, ביינוש שטיינמאַן, איז מיין נאָמען.

בלייבט ער דערביי, ווי ווענלדיק מיר געבן צייט אים עפּעס צו פרעגן, פרעג איך אים:

— איז וואָס זאָגט איר נייעס, ח׳ שטיינבערג? ווייל איך ווייס פון אַפּסאָלוט גאָרנישט, איך קען זיין נאָמען נישט.... בין איך אים אין מיין ריי פאַרלאָפן דעם וועג און געוואַרט אַז ער און זיין רייע זאָל ווידער וואָס זאָגן, זאָגט ער:

— איר פאַרשטייט ח׳ פאַלמע, אַנדערע זאַכן קימערן מיר ניט, אַז ס׳וועט קומען וועט עס קומען, דערווייל זיינען זיי נאָך ניטאָ; — כ׳האָב



עפּעס אָנגעשריבן. א דראַמע איז עס. ס׳הייסט דריי קליינע דראַמען אין איינער און איך רוף זיי לויט די רייע: „ביים טויער“, „משיח בן יוסף“ און „דאָס רויטע קינד“ ווי מען קאָן עס מיינען....

דעם לעצטן קאָמענטאַר האָט ער געמאַכט ניט ווילנדיק און ווי געהאַט חרטה אויף אים, ער האָט אפנים געמיינט אַז דאָס וועט אפשר אויף מיר ווירקן צו נעמען א געגן־שטעלונג, אָבער איך האָב אים ריין־פּעדאַגאָגיש באַרואיקט אַז ביי מיר — קינדער זיינען קינדער, סיי וועלכן קאָליר....

ער האָט לייכט דערביי אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן זיך געמיטלעך אוועקגעזעצט גלייך ווי קיין אַנדער זאַך וואָלט מיר דעמלט אָנגעגאַנגען ווי נאָר זיין „דריילינג“, ווי איך האָב עס צו אים שפּאַסיג באַמערקט כדי צו מאַכן אים פילן היימיש.

זיך פאַרענדיקט, האָט ער ענדלעך אויפגעוויקלט א „קאַיעט“ מיט שוואַרצע אָפּגעריבענע טאָוולען, וואָס האָט אויסגעוויזן אַז דעם סוד וועגן זיין „דריילינג“ האָט ער גוט געהאַלטן.

איך האָב דעם שטאַמלדיקן בחור דעמלט באַטראַכט מיט דער גענוי דער זעלבער פאַרלוירנקייט פאַר זיין יראת הכבוד צו מיר, ווייל אייגנטלעך בין איך דעמלט געווען דער „מוזינעק“ צווישן דער כאַרקאָווער „כאַליאַסטרע“. כ׳האָב אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל פון א דערוואַקסענעם מיט א „סטאַזש“ און געבעטן אים מיר ווייזן וואָס ער האָט דאָרט אַזעלכעס און וואָס אייגנטלעך ער וויל פון מיר:

— איך וויל צום ערשט לייענען פאַר אייך, אפשר, אפשר וועט מען קענען דאָ אין קלוב עפּעס....

כ׳האָב דעם עפּעס פאַרשטאַנען און וויסנדיק אַז אין קלוב האָט זיך גראָדע דעמלט געפונען סעגאַלאָוויטש (ז. סעגאַלאָוויטש׳ס א ברודער) האָב איך זיך צו אים געווענדעט פאַר אַן עצה אין דעם ענין און געראָטן מיר ניט צו פאַרנעמען זיך איצט מיט אַזעלכע זאַכן, ווען ס׳איז פאַראַן עפּעס וויכטיקערס „אויפן טאָג־אָרדענונג“....

האָב איך דאַן אויף מיין אייגענעם אחריות אים, ביינושן, צו געזאָגט אַז איך וועל שוין זאָרגן אַז חברים זאָלן זיך צוזאַמענקומען און מיר וועלן שוין זען.

ס׳איז מיר שפּעטער געלונגען צו „אינטרעגירן“ „כליאַסטרע“ וועגן עפּעס גאָר אַזוינס וואָס כ׳האָב נאָך אַליין ניט געוואוסט און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו הערן און זען.

מיר זיינען זיך עטלעכע טעג שפּעטער צוזאַמען געקומען אין א שטיבל ביי איינעם פון די עלטערע חברים צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען מאַטעס דייטש און דער הינטיקער באַוואוסטער קושנעראָוו (אויב מיינע ווערטער וועלן צו אים דערגיין, וועט ער זיי געוויס קענען באַשטעטיקן).

מע האָט ביינושן צוגעטיילט דעם פאַרדינטן כבוד און געהייסן אים פאַר־

נעמען דעם „מזרח“ ביים טיש און שטיל, מיט כמעט אן איינגעהאלטענעם אָטעם, האָט ביינוש דעמלט געקוקט יעדן אין פנים אריין, ווי ער וואָלט עס וועלן דערמיט פון אונדז אראָפּלעזן, וואָס אזעלכעס ער האָט פון יעדן פון אונדז צו דערוואַרטן....

און ביינוש שטיינמאַן האָט אָנגעהויבן לייענען זיינע דראמען לויט דער רייע, — האָט אָבער א חבר געוואָלט דווקא צום ערשט „דאָס רויטע קינד“...

דאָס איז געווען דער ערשטער סיגנאל פון „אויפריים“ און ביטול „צו עפּעס א בטלן וואָס רעדט זיך איין“....

האָט ביינוש זיך לאנג ניט געלאָזן בעטן און גענומען זיך צום „רויטן קינד“ זיינס, מיט הארץ און קוראזש, ווייל ער האָט עס אייגנטלעך געהאלטן פארן „קאָמפּאָט“ און אז חברה וויל צום ערשט קאָמפּאָט וועט ער זיי געבן.

האָט זיך טאקע דער גאסט מיט א ניי הארץ אָנגעהויבן צו שפּילן אויפן קול מיט זשעסטן און מימיק און טאקע מיט א פּאטאָס, וואָס האָט זיך געפּאסט פאר עפּעס אזעלכעס, וואָס „דאָס „רויטע קינד“ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

זיין צושפּילן זיך אויף א ריין־שוישפּילערישן אופן, האָט געדינט אלס צווייטער סיגנאל פאר עפּעס מער וואוילערישעס פון א טייל פון די „גדולים“ מיט „סטאזש“ אונטער זיך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס איבערוואונקען זיך צוזאמען מיט צווישן־רופן אויפן חשבון פון א „פרי־צייטיק“ קינד....

און דער צוטומלטער, האלב־פארשעמטער, מאָרגנדיק־בארימטער ביינוש שטיינמאַן מיט זיין „דריילינג“ האָט אָנגעהויבן פארלירן וואו ער האלט, ביז ער האָט דעם „קאיעט“ זיינעם אין גאנצן פארמאכט, ווייל ביי יענער צייט, זיינען שוין מער ווי א העלפט געווען אויף אויסנווייניק און די איבעריקע האָבן שוין אויך געהאלטן ביים ארויסגיין, נאָר בלויז איין קושנעראָוו, האָט אים ביים טיר שטייענדיק צוגעוואָרפן א מין בליק, וועלכער איז געווען נאָך מער ווי די בליקן פון די וואָס זיינען אוועק....

ווי דערשטוינט און דערציטערט בין איך אָבער געוואָרן מיט גענוי צוויי יאָר שפּעטער אין ווארשע זייענדיק, ווען איך האָב אין א פענצטער פון א יידישער בוך־האנדלונג אויף די נאלעווקעס, באמערקט — „ביינוש שטיינמאנס דראמען“ און אויסגעפונען האָב איך באלד דעם „פּאַרוואָס“ — ביינוש האָט זיך שוין דעמלט ניט געפונען צווישן די לעבעדיקע, ער איז אלס רויטער זעלנער, ביים פארטיידיקן די שטאָט כאַרקאָוו, דערהרגט געוואָרן פון די „ווייסע“.

האָבן מיר הייסטעם איצט דריי דראמען, און א 25 יאָריקן יובילעאום.





## דער משפּט!

### נאָך דער רעדע פון אויסערן־מיניסטער בעווין

די לעצטע רעדע פון בריטישן אויסערן־מיניסטער ערנסט בעווין אין פּארלאמענט (25 פעב. 1947) איבער דעם ארץ־ישראל פּראָבלעם גיט א סך נאָכצודענקען.

[כמו אן הקדמה ערלויבט מיר צו באמערקן, אז מיין ווייניקייט האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין איבריקן צוטרוי אין „מערהייטן“.. און ווען די יידישע „מערהייט“ האָט אין פארלויף פון יאָרן (ביז ערשט מיט א 2־3 יאָר צוריק) באַקעמפט דעם געדאנק פון א יידישער עוואקואציע־רעטונג פון די סכנותדיקע גלות לענדער, און פון א יידישער מלוכה — האָב איך געהאלטן מיט דער מינדערהייט, וועלכע האָט יאָ געקעמפט פאר עוואקואציע און פאר א יידישן שטאַט! ווייל נישט שטענדיק איז דער אמת און גערעכטיקייט מיט דער „מערהייט“.... דער זעלבער געפיל שטויסט מיר אויך יעצט צו זאָגן א פּאָר ווערטער, וואָס עס וועט זיכער נישט שמעקן דער היינטיקער „מלכות־ישראל־מערהייט“....]

איינע פון די הויפּט סיבות פון די יידישע אומגליקן איז, וואָס אונזערע פּאָליטיקער האלטן שטארק פון כלל: „אל תגידו בגת“! אמת, די פלשתים דארפן אפשר נישט וויסן. אָבער די יידישע גאס דארף און מוז וויסן פון אלץ! די יידישע גאָס דארף וויסן, כדי צו לערנען פון די טעותים, כדי צו מאכן א חשבון הנפש און כדי צו ציהען די געהעריקע קאָנסעקווענצן!....

הגם איך בין נישט געווען און בין נישט יעצט קיין „חסיד“ פון מיניסטער בעווינס פארטיי (ווי בכלל, פון קיין שום פארטיי..) און האָב נישט אגיטירט און נישט געשטימט פאר בעווינען און זיין פארטיי ווי אנדערע....דאָך מוז איך זיך ארויסזאָגן, אז דער דאָזיקער ענגלענדער בעווין געפעלט מיר! עס געפעלט מיר זיין שפּראך, זיין טאָן און זיין אויפריכטיקייט! בעווין איז דער ערשטער מיניסטער, אין דער וועלט, וואָס האָט פארוואָרפן די אלטע, פאלשע און גאָרנישט־זאָגנדיקע פּאָליטישע שפּראך, און אָנגעהויבן רעדן שארף, קלאָר און איבעצייגנד!

איך האָב פון בעווינס לעצטער רעדע (ווי בכלל פון אלע זיינע רעדעס) געהערט און געלערנט פיל מער ווי פון אלע ציוניסטישע רעדעס צוזאמענגענומען אין משך פון צענדליקער יאָרן! און הלואי וואָלטן אלע פּאָליטיקער, און אונזערע יידישע פּאָליטיקער בתוכם, ספּעציעל, גערעדט פריער מיט א בעווין־שפּראך וואָלט מיר נישט צוגעקומען צו אונזער טראגעדיע! — מיר וואָלטן שוין לאנג געוואוסט וואו מיר האלטן אין דער וועלט מיט ארץ ישראל....

איך פארשטיי נישט פארוואָס מען בייזערט זיך אזוי אויף בעווינען

הלמאי ער זאגט, אז מאנכע „גוטע הבטחות" זיינען מער נישט ווי א וואל־מאנעוור? עס איז דאך פארט אמת! אדרבה, זאגט מיר, וועלכער פאליטיקער האט שוין אמאל געהאלטן ווארט מיט זיינע דעקלעראציעס? און איז דען נישט די גאנצע „באלפור־דעקלעראציע" געווען אזא מין וואל־מאנעוור?! — אונזערע אייגענע יידישע פאליטיקער ווייסן דאס גאנץ גוט — זיי האבן אויך קיינמאל נישט דערפילט זייערע פארשפרעכונגען!

און עס האט מיר דעריבער שטארק הנאה געטון בעווינס מוט און אפנהערציקייט, וואס פאטשט אויס, מאראליש, זיין חבר, א מיניסטער פון דער אימפעריום, וואס „ווייזט אן דעם אדרעס וואו דער גוטער ייד וואוינט"..: ער גיט א לעקציע בעווינען אין ציוניזם, אבער צו זיך אין לאנד וויל ער נישט אריינלאזן קין איין ייד....

מר. בעווין ענדעקט אונז א סוד, אז אייגנטלעך איז די באלפור־דעקלעראציע שוין דערפילט געווארן. און ווער קען אים געבן אומגערעכט? — און ווירקלעך, איז דא א מענטש אין דער וועלט, וואס ווייס אויסצוטייטשן דעם משונהדיקן טערמין ווי א „נאציאנאלע היים"? אפשר האט לארד באלפור געוואוסט?....ווי בעווין זאגט זיינען דאך די אראבער שוין מסכים אויף דער „יידישער נאציאנאלער היים אין פאלעסטיין"; ד.ה. יידן זאלן האבן זייער אייגן לשון, רעליגיע, אוניווערזיטעט א.א.וו. די אראבער וואלטן אויך שוין איינגעגאנגען אויף די 100,000 יידישע עולים. נו, טא וואס וויל מען נאך? דאס איז דאך אלעס וואס די יידישע אגענץ האט געפאדערט זינט יארן? אי, וואס, די אגענץ זאגט איצטער זי האט געמיינט א יידישע מלוכה — טא ווער האט געקענט וויסן וואס זיי טראגן אין די בייכער...?

האט דאך דער „בארימטער פירער" וויצמאן אליין מודה געווען נאכן „ווייס־בוך (אין 1939): „20 יאר האב איך געשוויגן יעצט וועל איך אנהויבן שרייען"....עס איז נישט געווען קיין פראגע צו קעמפן קעגן ענגלאנד....(אפילו זאב זשאבאטינסקי ז"ל אליין האט עס אויך נישט געמיינט...) מען האט דאך אפילו נישט גערעדט מיט ענגלאנד ווי מענטשן מיט מוט, אויפריכטיק! מען האט יארן לאנג געשטומט און גארנישט געפאדערט און גארנישט געמאנט. טא ווי האט מען געקענט דערווארטן עפעס בעסערס? — אז מען מאנט נישט גיט מען נישט!

עס דערמאנט מיר אן אנעקדאט: עס הערט זיך א קלאפן אין טיר. פרעגט דאס ווייב פון אינעווייניק: „חיים?" „חיים?" — נישטא קיין ענטפער. ביז די ווייב רייסט אויף די טיר און דערזעט איר „מאן". שרייט זי צו אים: „גולם איינער, האסט דאך געקענט ענטפערן"! זאגט חיים: „איך האב דאך געשאקלט מיטן קאפ"....25 יאר האבן די „חיים'ס" געשאקלט מיט די קעפ אונטערן טיר און גיי וויים וואס זיי ווילן!....

יעצט האט מען זיך מיישב געווען צו פארערן א „יידישן שטאאט מיט א מיליאנען אימיגראציע"... און אז מען פרעגט וויצמאנען אין דער „אנגלא־



אמעריקאנער קאמיסיע" פארוואס האט ער זיך אזוי שפעט ארומגעזען מיט דער „יידישער מלוכה" (ערשט אין 1942)? ענטפערט וויצמאן: „ער איז איינגעזאפט מיט דער ענגלישער מענטאליטעט; ער גייט נישט אריבער קיין בריקן ביז ער קומט נישט צו צו דעם"..(זייניסט רעוויאו 15 מארטש 1946).

געוויס, וואו האט וויצמאן, זיצנדיק אין ענגלאנד, געהאט צו שפרינגען דעם טייך? אבער ווען ער קומט קיין פוילן וואלט ער געווען געזען אז נישט נאר א טייך האבן יידן געשפרונגען, נאר אז זיי זיינען געשטאנען אויפן ראנד פון אפגרונד פון א ים!.. און פארוואס איז ער טאקע קיינמאל נישט געקומען באזוכן די יידן אין פוילן? האט אים גאר נישט געצויגן צו באזוכן זיין היימאט שטעטל מאטעלע? האט ער זיך אפשר געשעמט מיט זיין קרוב, דעם שוסטער, וואס האט געוואוינט אין „וויצמאנס הייזל מיט די ווייסע פענסטער"...? (אויך איך האב געהאט די „זכיה" צו זיין א האלב געבוירענער פון מאטעלע...) אדער האט ער פאר אימעצן מורא געהאט? — א גרויסער שאד, וואס וויצמאן איז נישט געקומען קיין פוילן, די יידן דארט וואלטן אים שוין געמאכט שפרינגען און שרייען אין צייט! אוי, וואלט ער געשפרונגען און געשריגן!...

און דא קומט צו גיין מר. בעווין מיט אן אייזערנער קשיא און פרעגט: איר ווילט א יידישע מלוכה, גוט, אבער וואו איז אייער „מערהייט" אין לאנד? נישט בעווין און נישט קיינער שטעלט זיך נישט אפ איבער די שיינע קבוצות און שטעט; קיינער פרעגט נישט וויפל „קעלבלעך" דער ישוב פארמאגט. וואס זיי ווילן וויסן און האבן איז — מענטשן! וואו איז די מערהייט פון ישוב...?

און בעווין האט די ליסטע מיט ציפערן פון דער קאמיסיע, וואס זאגט, אז פון 1921 ביז 1940 זיינען קיין ארץ ישראל אריינגעקומען בלויז 321,340 יידישע נפשות (ז. ר. 26 אפריל 46)... צוזאמען מיט די אונלעגאלע עולים א.א. וועלן מיר מאכן א גלייכע צאל — 400 טויזנט עולים, מער נישט! די איבריקע, ד.ה. א דריטל פון ישוב ווי בן גוריון זאגט, איז געבוירן געווארן אין לאנד... (צייט 12 מארטש 46). דער סך־הכל, מיט דעם דריטל געבוירענע אין לאנד, מאכט אוים — 600 טויזנט יידן אין ארץ ישראל....

ציפערן שטעכן די אויגן; קעגן ציפערן איז נישטא קיין ענטפער! און די אגענץ ציוניסטן זיינען דאך אזעלכע חסידים פון „פאקטן" און „מערהייט"... און די פראגע רייסט וועלטן וואו זיינען די יידן? וואו איז די מערהייט? מיר מוזן דאך נעמען אין באטראכט, אז די ציפער 400,000 האט אריינגענומען אלע עולים פון דער גאנצער וועלט און במילא קומט אוים אז פון גרויסן ציוניסטישן פוילן האבן זיך בלויז א פאר הונדערט טויזנט יידן געראטעוועט קיין ארץ־ישראל אין משך פון צענדליקער יארן!

און ווען מיר וואלטן אויפגעוועקט פון די מאסן־קברים און גאז קאמערן, די קדושים פון פינסק און דראהיטשין, פון ווילנע און גראדנע, לובלין און בענדין, סאסנאוויץ גאסטינין א.א.וו. און מיר וואלטן זיי געשטעלט צום משפט מיט די ווערטער: איר ווערט באשולדיקט פון פארשיידענע מנוולים, אז איר

האָט נישט גענוג געלט געגעבן און נישט געוואָלט פאָרן קיין ארץ ישראל! פאַרוואָס האָט איר נישט געזען צו ראַטעווען אייערע קינדער פון די שחיטות און גאַז־קאַמערן? ווער איז דאָ שולדיג, איר, ענגלאַנד, אָדער גאָר אייערע פירער....?!

וואָלטן מיליאָנען טאַטעס און מאַמעס אויסגעשריגן אויפן קול: אָ, אונז באַשולדיגט מען!? וואָס האָבן מיר פאַרהאַרעוועטע מענטשן געוואוסט פון פּאָליטיק! אונזערע פירער האָבן אונז גאָרנישט געזאָגט, נאָר געהייסן אונז געבן געלט און מיר האָבן געגעבן. מיר האָבן אפילו אוועקגעגעבן די שבת־לייכטער, די קרושין־פינגערלעך, אונזערע לעצטע פאַרפּראַצעוועטע גראָשנס האָבן מיר אוועקגעגעבן צו די ציוניסטישע „משולחים"! מיר האָבן אויך געוואָלט אַנטלויפן פון אונזערע צרות, באַלד, ראַטעווען זיך און אונזערע קינדער פון טויט.... האָט מען אונז געזאָגט אַז מיר זיינען שוין צו אַלט — אריבער די עלטער פון... 36 יאָר... אפילו די אונטער 36־יאָריקע עלטערן האָבן אויך נישט געקענט פאָרן, ווייל מען האָט געדאַרפט אדורכגיין אַן הכשרה פון 3־4 יאָר, טאָ ווי האָבן מיר געקענט איבערלאָזן אונזערע פאַמיליעס אויף הפקר און גיין אין הכשרום? איז שפּייזן אַ פאַמיליע נישט געווען אַ גענוגנדע הכשרה...?

אָט דאָס איז עס! אונזערע ציוניסטישע פירער האָבן זיך געוואָלט שפּילן מיט הכשרות און „האַנדלען" מיט סערטיפיקאַטן! עס איז געווען אַ גדולה, אַ קעלבעלע איז געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל! מען האָט עקספּערימענטע־וועט.... ניין! — ראַטעווען האָט מען געדאַרפט! פולע שיפן מיט טאַטעס און מאַמעס און קינדער האָט מען געדאַרפט שיקן, אָט ווי היינט, נאָך ארץ ישראל! (אויף איין סערטיפיקאַט האָבן געקענט פאָרן אַ פאַמיליע פון 10־15 קינדער אונטער 18 יאָר...) און מיר וואָלטן שוין היינט געהאַט דערגרייכט אונזער דאָפּלטן ציל: הונדערטער טויזנטער וואָלטן געראַטעוועט געוואָרן פון די גאַז קאַמערן און אין ארץ ישראל וואָלטן מיר היינט שוין געהאַט אַ מערהייט און אַ יידישע מלוכה...!

אויב ווייצמאַן האָט זיך געבעסט אויף די „נאַלעווקער שטעקעלעך" — זיינען דאָך אָבער געווען גענוג יידישע בעלי־מלאכות און פאַך־לייט! צו וואָס האָבן די דאָזיקע יידן געדאַרפט הכשרות? זיינען זיי נישט גענוג יונג און שטאַרק געווען? זיי וואָלטן דאָך געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד! האָבן אָבער אונזערע פירער בעסער געטיילט די סערטיפיקאַטן צו איינצעלנע בחורים און מיידלעך, ווייל זיי האָבן געוואָלט דורך דעם דאָזיקן מענטשן מאַטעריאַל אויס־בויען פאַרטייאישע „פּלאַצואוקעס" און האָבן די ממשלה אויף שטענדיק! די אַזוי גערופענע חלוצים האָבן געקענט קומען קיין ארץ ישראל אויף אַנדערע וועגן — אויף די שיפן האָט מען געדאַרפט פירן די עלטערן מיט די קינדער, ווייל זיי האָבן נישט געקענט וואַנדערן דורך מדבריות!... און דאָס איז דאָך זיכער, אַז די חלוצים האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט פאַמיליען־לעבן און האָבן נישט מיטגעווירקט צו פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג פון לאַנד....



נאָך ערגער, זינט די יאָרן 1933־1934 האָט מען 70־80 פּראָצענט פון די סערטפיקאַטן געשיקט קיין דייטשלאַנד; מען האָט געמאַכט אַ טראַנספער־אָפּמאַך מיט די נאַציס און מען האָט געשלעפּט די רייכע דייטשישע יידלעך קיין ארץ ישראל, און מען האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד מיט דייטשישע סחורות. „ביי אונז אין דייטשלאַנד", רייצט זיך מיט מיר אַ דייטשישער פועלי־ציוניסט, פון „גאָלר(עס)־און־גרין"... האָט מען זיך געבעטן מיט סערטיפיקאַטן און ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל פאָרן"... — יאָ, אין דייטשלאַנד האָט מען זיך געבעטן מיט סערטיפיקאַטן... און די טאַטעס, מאַמעס און קינדער פון פוילן און ליטע א.א. זיינען אוועק אין די טויטן־גריבער און גאַז־קאַמערן... יעצט ווילן פאָרן 5,000 און נאָך מער דייטשישע און עסטרייכישע „גאַלאַנץ־יידלעך", צוריק פון ארץ ישראל קיין דייטשלאַנד... (נ.ק. 21 פעב. 47.)

און האָט אפשר געפעלט געלט? — דאָס אויך נישט. האָט דאָך די אַגענץ ערקלערט פאַר דער קאָמיסיע, אַז דורך די נאַציאָנאַלע פאָנדן זיינען געזאַמלט געוואָרן אַ סומע פון 45 מיליאָן פונט (ביו. י.פ.א. נו.8 10 מאַי 46). און ווען מיר ווילן צוגעבן ווייצמאַנס ווערטער, אַז יעדער פאָלקס פונט האָט אריינ־געבראַכט אין לאַנד 4 פונט פּריוואַט קאַפּיטאַל, טאָ מאַכט אַליין דעם חשבון... עס וואָלט גענוג געלט געווען, ווען נויטיק, אפילו צו שטיצן און העלפן די עלטערן מיט די קינדער...! — היינט שרייט מען: „ראַטעוועט די קינדער", אַז ווי האָבן די קינדער געקענט געראַטעוועט ווערן פון די קרעמאַטאָריומס, אַז די ציוניסטן האָבן נישט אריינגעלאָזט די עלטערן קיין ארץ־ישראל...?!

גלויבט מיר, פיל שווערער, ווי די היינטיקע שיפן־בלאָקאַדע אויפן ים, איז געווען צו ברעכן די בלאָקאַדע פון די ציוניסטישע „פּאַלעסטינע־אַמטן", וועלכע האָבן אפילו געיאָגט און גערודפט די אומגליקלעכע אונלעגאַלע עולים... און אַלץ צוליב פּריוואַט־און־פּאַרטייאישער העגעמאָניע! געלט! כבוד! ממשלה!

עס פרעגט זיך פאַרוואָס איז מען היינט נישט בודק קיינעם פון די עולים ווי אַלט ער איז און צי ער האָט דורכגעמאַכט אַן הכשרה?... היינט כאַפּט מען אַרויף אויפן שיף אָן קשיות! און אַ מאָל איז דאָס פיל לייכטער געווען ווי היינט, ווייל די אַראַבער זיינען געווען נישט אָרגאַניזירט און שוואַך... און מיר האָבן געהאַט מיליאָנען יידן אין אייראָפּע....

יעצט צאָלן מיר אַ ביטערן פּרייז! וואָלטן מיר דאַן נישט הבלגה'וועט אין באַצוג צו די אַראַבער וואָס האָבן געמאָרדעט יידן, וואָלטן היינט אונזער יוגנט נישט געשאָסן אויף די ענגלענדער — אַ זאַך וואָס איך באַדויער זער און זער.... וואָלטן מיר דאַן געהאַנדלט שנעל און ערלעך וואָלטן מיר היינט נישט געדאַרפט אדורכלעבן אַ דאָפּלטע טראַגעדיע. עס איז דער צער און צאָרן די ביטערניש פון ליידן, פון הבלגה, פון ענטוישונג, וועלכעס אונזערע פירער האָבן גורם געווען מיט זייער ווייסטער פּאָליטיק, וואָס ס'האָט אַזוי אומרחמנות־דיק אויסגעבראָכן ווי אַ וואולקאַן פון די הערצער פון דער אָפּגענאַרטער יוגנט... איך האַלט דאָס פשוט פאַר אַ שטראָף פון גאָט פאַר דעם גרויסן חטא

וואָס אונזערע פירער זיינען באַגאַנגען! איך קען די פּסיכאָלאָגיע פון דער דאָזיקער ערלעכער יוגנט, זי וועט זיך נישט אונטערגעבן און זי וועט, חלילה, אונטערגיין קעמפנדיק... און ביי וואָס וועלן מיר בלייבן...?

[איך האָף נאָר אַז אפשר וועט זיך די ענגלישע רעגירונג אַרומזען און איבער די קעפּ פון די „פירער" קומען צו אַ הסכם מיט די דאָזיקע העראָאישע יונגעלייט — אַנדערש, זע איך נישט קיין שלום אין לאַנד... זיי זיינען פאַרט דאָס שארית פון שארית הפליטה... מער נישט אַ ביסל צופיל ענטוישט... פריער צי שפּעטער וועט מוזן קומען צו דעם... — האַקט נישט אויס פון וואַלד די סאָסנעס, אונטער וועמענס צווייגן איר וועט זיך אַמאָל דאַרפן שיצן פון דער אַפריקאַנער און אַזיאַטישער היץ...! ענגלאַנד וועט זיי דאַרפן האָבן...]

וואָס נאָך ערגער איז, וואָס אַנשטאָט צו אויסגיסן אונזער האַס און שנאה צום מערדערישן דייטשלאַנד פאַרדיקן מיר גאָר שנאה צו ענגלאַנד און מיר האָבן שוין גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אונזער בלוטיקן שונא דייטשלאַנד! און דאָס זיינען טאַקע אויסן אונזערע פאַרשטעלטע פריינט, די באַהאַלטענע דייטשן אין אַלע לענדער, וואָס גיסן אויל אויפן פייער; זיי ווילן אונז טאַקע צוקריגן מיט ענגלאַנד כדי מיר זאָלן פאַרגעסן אָן דייטשלאַנד...! עס איז באמת אַ שטראָף פון גאָט....

ס'קענען דאָ ניט העלפן קיין תירוצים; צו וואַרפן די שולד אינגאַנצן אויף בעווינען, „אגודה", „בונד" א.א.וו.! — די ציוניסטן זאָגן דאָך אַליין, אַז זיי האָבן געהאַט די מערהייט מאָסן מיט זיך, טאָ ווער האָט זיי געשטערט צו האָבן אַ מערהייט אין ארץ ישראל?! עס זיינען אויך זער ציניש די אויסדרוקן וואָס איך הער אָפט פון די אַגענץ־ציוניסטן: נו, טאָ איז וואָס, האָבן מיר געמאַכט טעותים... יאָ, טעותים קען מען מאַכן אין געלד חשבונות, ווי למשל, ווען איך לייען, אַז פון אַפּריל 1921 ביז יוני 1943 האָט דער „קרן־היסוד" איבערגעוויזן זיין הויפּט־ביוראָ אין ירושלים אַ „נעט־רעווועניו" — 10 מיליאָן פונט... (זיי. רעוו. סאַפּלעמענט 16 נאָוו. 45). דאָ, זעט אויס, האָט אימיצער געמאַכט אַ טעות... אָבער מאַכן טעותים מיט מענטשלעכע לעבנס? ווייסט איר וואָס עס געשעט צום „פּיילאָט", ווען ער מאַכט אַ טעות מיטן רודער? — ער פאַלט אַראָפּ, און צוזאַמען מיט די פּאַסאַזשירן, ברעכט ער רוק־און־לענדן...!

ווען איך לייען די פּלאַקאַטן און געלט־אַפּעלן פון אונזערע פּאַרטייען: „די קדושים פון די געטאָס רופן צו אייך!" — ווילט זיך מיר אויסשרייען: די קדושים פון די געטאָס רופן אייך, פירער, צום משפט...!!!



# יוסף הלל לעווי

## צי האט יידיש א צוקונפט?

1

וואָס מיינט יידישיזם? — ס'איז ניט נאָר אַ שפּראַכנפראַגע אַליין, נייערט אַ גאַנץ באַזונדערע וועלטאַנשויאונג; וואָס איז אין זיך כולל: דעם יידישן ראַדיקאַליזם און אויך קאָנסערוואַטיזם.

אין יידישיזם קומען צום אויסדרוק, — אַלע יידיש־סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, ווי אויך אַלע רעליגיעזע און חסידישע ריכטונגען; וואָס האָבן די יידישע שפּראַך צוליב יידישקייט, צווישן זייערע פּאַראַלן דערהויבן און געלאָזט פלאַטערן אויף זייערע פענער, בשעת אַלע אַנדערע פּאַרטייען האָבן יידיש מיט יידיש באַקעמפט...

אין יידישיזם זענען איינגעוועבט געוואָרן אַלע טיפסטע אידעאַלן, האָפנונגן און בענקענישן, פאַר אַ ליכטיקערן, בעסערן און גערעכטערן עתיד, — וואָס דאַרף קומען פאַר אַלע געדריקטע און שוואַכע, און באַזונדערס פאַר דעם יידן....

פאַרוואָס זענען מיר יידישיסטן? — און פאַרוואָס זענען ניטאָ קיין ענגלישיסטן, פראַנצויזישיסטן, פּוילישיסטן, וכדומה? ווייל ראשית כל — איז יידיש אויסגעלאַכט און באַשפּיגן געוואָרן פון די גויים, מער ווי יעדע שפּראַך פון די דערנידריקטע מינדערהייטסשפּראַכן, — והשנית פון די אַסימילאַנטן און העברעאיסטן, ווייל זיי האָבן אין יידיש דערזען אַ געפאַר און אַ קאָנקורענץ צו העברעאיש.

נאָר דער אמת איז — אַז יידיש איז דאָך פון העברעאיש אויפגעבויט געוואָרן און העברעאיש איז דער טיפסטער פונדאַמענט פון יידיש... איז, ווי קאָן עס העברעאיש פיינט האָבן?...

די באַהויפּטונג פון צוויי שפּראַכן קאָנקורענץ און אַ קייגנזייטיקע געפאַר, איז אויך אמתער חוזק, — אויב עס איז יאָ עפּעס פאַראַן אַמין קאָנקורענץ אינעם דאָזיקן צווייישפּראַכן פּראָבלעם? — דאַן איז עס די אײדעלע קאָנקורענץ פון אַ טאַטן צו אַ מאַמען — און פון אַ מאַמען צו אַ טאַטן; לגבי דער ליבע פון זייערע קינדער...

מען שרעקט זיך פאַר דעם שפּראַכן דואַליזמוס, מחמת ער איז ניט בנימצא ביי קיין שום אומה, — אויך דאָס איז אַ געמאַכטע שרעק, ווייל ניט איין אָדער צוויי שפּראַכן זענען בכח צודערהויבן אָדער צו דערנידריקן דעם גייסט פון אַ פאָלק; נייערט דער פאָלקסגייסט זייבע שפּראַכן...

און סוף כל סוף איז ניט נאָר דאָס יידישע פאָלק אַנדערש פון די אַנדערע פעלקער מיט זיינע לענדער און שפּראַכן, נאָר אויך די גאַנצע געשיכטע זיינע, איז בעצם אַן אַנדערע ווי די פון די אומות העולם...

אונדזער גאַנצער באַנעם פון דער וועלט, גאָט און מענטש, — און דער עיקר אונדזער באַציאונג צום בלוט איז אויך אַגאַנץ אַנדערע ווי אַלע פעלקערס... אַזוי ווי עס איז ניט גוט מיגלעך געוואָרן מיר זאָלן האָבן איין לאַנד, — אַזוי איז עס אויך ניט מיגלעך מיר זאָלן האָבן איין שפּראַך...

אונדזער גורלדיק לעבן האָט אונדז באַשאַפן צוויי שפּראַכן, און ווען מיר דערלויבן זיך איינע אָפּצושאַפן, דאַן שאַפן מיר אַהאַלב לעבן אונדזערס אָפּ...

יידיש און העברעאיש, מוזן און קאָנען בשלום לעבן. איין שפּראַך קאָן די אַנדערע דערגענצן, איין שפּראַך קאָן די אַנדערע דערהויבן, איין שפּראַך קאָן די אַנדערע שטיצן. און בײדע צוזאַמען קאָנען זיך פונאַנדערבליִען און פונאַנדערוואַקסן, אָן דעם מינדסטן שאַטן זיך צוברענגען.

„געשפּאָלטענע צונג" זאָגט מען, פאַרגעסנדיק : אַז ניט שפּראַך מאַכט די נשמה גאַנץ, נײַערט נשמה די שפּראַך... און אַז די נשמה איז צעשפּאָלטן, וואָס קאָן דאַן נוצן אַן אײנהײטלעכע שפּראַך ?

האָבן די דײַטשן ניט געהאַט אַן אײנהײטלעכע שפּראַך ? און פאָרט איז זייער נשמה און גייסט אַזוי צעשפּאָלטן געווען...

שפּראַך איז תמיד אַן אויסדרוק פון גייסט, און נאָר אַ געאייניקטער גייסט קאָן פאַראייניקן יעדע שפּראַך...

עס איז ניט דאָס וויכטיקסטע ביי אַ מענטש אָדער אַ פאָלק ווי מען רעדט, נאָר וואָס מען רעדט...

ווי ליב איך זאָל ניט האָבן די מוטער רחל, מיט די אַלע זכרונות און חלומות וואָס בינדן מיך צו איר און זי צו מיר ; האָב איך פאָרט ליבער מיין עכטע מאַמען... ווען אַפילו זי זאָל ניט אַזוי שיין און גרויס זיין ווי יענע איז געווען. ווייל מיין יידישע מאַמע איז מיר נאָענטער, געטרייער און האַרציקער... איר טרער איז נאָך אַ וואַרימע, און מיט איר שפּראַך האָט זי מיך געלערנט — רעדן, דענקן, טרוימען און האָפן אויף אַ גליקלעכערע צוקונפט : פאַר מיר, מיין פאָלק און פאַר אַלע מענטשן פון דער פאַרפייניקטער ערד... און צו די די ליקווידאַטאָרן פון יידיש זאָגן מיר : סיוויי זענען דער רוב פון אייך נאָר געווען קאַריעריסטן, און די שפּראַך האָט זיי געדינט ווי אַ לייטער, — זיך צוקענען וואָס בעסער אַרויפדראַפּן ביז צום העכסטן הימל, פון זייערע פּוסטע אַמביציעס... און אַזוי לאַנג ווי מיליאָנען יידן האָבן טאָג-טעגלעך די לייטער אונטערגעהאַלטן, — איז עס פאַר זיי באַקוועמער און זיכערער געווען אויף איר צו קריכן צו זייערע עגאָאיסטישע צילן... היינט, אַ דאַנק דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, שיינט די לייטער זיי וואַקלדיק געוואָרן צו זיין ; דערפאַר אַנטלויפן זיי פון יידיש...

אָבער אונדזער טראַגעדיע איז נאָר דערפאַר אייביק גרויס, ווייל אייביק און גרויס איז דאָס יידישע פאָלק... און צי איז דען ניט יעדער גרויסער יחיד תמיד איינזאַם און טראַגיש אין זיין גרויסקייט ?...

און ווי אָפט האָבן שוין פינסטערע נביאים שוואַרצע נביאות געזאָגט אויף יידיש, און אויף אַלע יידן מחוץ ארץ ישראל...

אָבער די טראַגעדיע וואָס האָט געטראָפן דעם גלות־יידנטום, האָט אויך געקאָנט טרעפן חלילה די יידן פון פאַלעסטינע, — ווייל ניט דאָס לאַנד האָט זיי באַשיצט — און אויך ניט זיי דאָס לאַנד — נאָר אַ גליקלעכער צופאַל האָט באַשיצט דאָס לאַנד און זיי...

ניט געאַכט אויף די שוואַרצע נביאות־זאָגער, האָט די יידישע שפּראַך און דער גלות־ייד זיי פאָרט נאָך אַלע איבערגעלעבט.



פונקט ווי דאָס יידישע פאָלק וואָס איז ניט אונטערגעגאַנגען, און אַלע זיינע שוידערדיקסטע און בלוטיקסטע קאַטאַסטראָפעס — נאָר אַזויווי אַ ליכטורם אויף ווייטער געבליבן שטיין, כדי אַריבער צולייכטן איבער אַלע חושכן אין דעם העלן גליקלעכן עתיד אַריין ; — אַזוי וועט אויך אונדזער יידיש אַלע אַסימילאַטאָרישע און אַנטי יידישיסטישע קאַטאַסטראָפעס בייקומען, און באַגלייטן דעם גלות־ייד ביז דער גלות וועט אומקומען און פאַרבלייבן וועט דער ייד אַ פרייער אָן גלות...

2

צי האָט יידיש אַ צוקונפט, — ריכטיקער וואָלט געווען די פראַגע צושטעלן : צי האָבן יידן סתם אַ צוקונפט ?...

מחמת, יידן און יידיש איז על פי דעתי אידענטיש געוואָרן...

מען קאָן אין גלות ניט זיין קיין נאַציאָנאַלער ייד, — בלויז מיט ציוניזם און העברעאיש אַליין ; און אַפילו אין פאַלעסטינע גופא טאָר מען אויך ניט די שפּראַך פון דער גרעסטער מערהייט פונעם יידישן פאָלק פאַרשטויסן ! ווייל סוף כל סוף — לאָזט זיך דערווייל פון דעם שיינעם נאַציאָנאַלן העברעאישן חלום אין גלות, נאָר אַ מיאוסע ענגלישע אַסימילאַציע אויס... און וואָס פון דעם נייעם העברעאיש אָן יידיש וועט זיך אין ארץ ישראל אויסלאָזן, איבער דעם לאָזט זיך דערווייל נאָך ניט אורטיילן...

אָבער מען קאָן שוין היינט הערן פון אַסך ציוניסטן, ווי זיי שטעלן די פראַגנאָזע : אַז אין אַ צייט אַרום וועלן אוודאי נאָר די יידן פון פאַלעסטינע פאַרבלייבן, — מחמת אַלע יידן אין די צוריקגעבליבענע גלות־צענטערן, וועלן מוזן אונטערגיין. איין טייל צוליב אַסימילאַציע, און דער אַנדערער טייל אפשר ווידער דורך הומאַנערע מאַסן פאַרניכטונגסמעטאָדן...

איז, ווען די פאַלשע דיאַגנאָזע וואָלט אַפילו חלילה וחס געקאָנט מקוים ווערן, — וואָס מיר גלויבן ניט, און טאָרן ניט גלויבן, — דאַן וואָלט אויך נאָר דער אַזוי גענאַנטער פאַלעסטינעזער טייל ניי העברעאישע יידן — ווי אַ האָל־צערן ברעטעלע, אנשטאָט אַ געוואַלטיקן אביליסק פאַרבליבן אין דער וועלט אויף דעם בית עולם פון דער פאַרגאַנגנהייט — פון איינעם פון די גיגאַנטישסטע און העראָאישסטע פעלקער, וואָס האָבן ווען עס איז אַמאָל עקזיסטירט...

נאָר מיר גלויבן ניט אין דעם, ווייל מיר גלויבן אָן דעם רעליגיעזן פראָגרעס פון דער מענטשהייט... און אַזויווי יידן זענען דער אָנהויב, און דער וואָס אַמאָל מער באַמערקבאַרער סוף רינג, פון דער אַלגעמיין צענויפגעשמידטער מענטשקייט, — טאָרן און קאָנען זיי פון איר ניט אויסגעריסן ווערן, אַז ניט וועט די גאַנצע קייט זיך צעשיטן...

אַזויווי מיר גלויבן אָן קיום פון דער וועלט, אַזוי בלויבן מיר — אויך אָן דעם יידיש־וועלטלעכן קיום...

מיר זענען אויך איבערצייגט אַז די אויסגעוואָרצלטע יידן וועלן סוף כל סוף ערגיץ ווו אין אַ וועלכן ניט איז פריילאַנד מוזן נייע זיכערע באַזעס געפינען, אין וועלכע זיי וועלן ווידער בילדן גרויסע יידישע צענטערן ווו די יידישע שפּראַך —פּרעסע, שול, ליטעראַטור און טעאַטער וועזן וועט זיך מיט זיי פרייפונאַנדערבליִען אין נייע, ליכטיקע, בונטע פאַרבן...

ווער עס גלויבט אן דער גוטער גייסטיקער גבורה וואס וועט פריער אדער שפעטער מוזן מנצח זיין דעם בייזן וועלטגייסט, — דער מוז גלויבן אין יידישן פאלק...

און די דאזיקע יידישע גבורה הויבט זיך ניט אן, און לאזט זיך אויך ניט אויס מיט די הירש לעקערטס, יוסף טרומפעלדארס; נייערט איר שורש און שטאם — איז א פיל גרעסערער, טיפערער, מער צעגויפגעוואקסענער און אייביקער...

און ריכטיק האט ב. ביאליסטאצקי אין דר. י. נ. שטיינבערגס חודש זשורנאל: „אויף דער שוועל" אינעם אקטאבער נומער פון דעם יאר נאכגעוויזן: „אויב יידישע גבורה מיינט — געוואלטיקייט, מוטיקייט, קעמפערישקייט — האט זיך די דאזיקע באוויזן נאך פריער און ניט אין תל אביב, נאר אין שמארגאן, אין מינסק, אין יעקאטערינאסלאוו און אין זשיטאמיר, אין קראקע, אין ריגע און אין סיביר"...

און געפייניקט האט די יידישע גבורימס געוויסן — ווען זיי האבן אמאל געמוזט צוליב א ריינעם, העכערן מענטשנצוועק, אן אומריין נידריקן מענטשנס בלוט פארגיסן... ווייל אפילו דער בעסטער צוועק הייליקט ניט די מיטל, — נאר קאפויער, — דורך נידריקע, אומריינע מיטל קאן פארשוועכט ווערן דער בעסטער צוועק...

יא, אין די אמאליקע יידישע ישובים איז נאך אסך פריער ווי אינעם יעצטיקן פאלעסטינע אויפגעשטאנען אניט צעקראכענער יידישער דור — וואס האט זיך ניט ישיבה־בחוריש געשראקן פארן שגץ, נייערט מיטן גרעסטן העראאיזמו באקעמפט דעם אנטיסעמיטישן צאריזמוס...

מען טאר דערפאר לחלוטין ניט זאגן: אז די אירגוניסטן האבן רעהאבילי־טירט דעם יידישן מענטשן, ווייל דאס איז שוין נאך אסך פריער געשען פונעם פארגאנגענעם יידיש־רעוואלוציאניערן דור...

מען טאר אויך גלייכצייטיק ניט פארגעסן — אז דער עקסטרעמער העברעאיזמוס, מיטן טאטאלן נאציאנאליזמוס פירן ניט צו יידישער גבורה אליין, — נייערט אסך שטופן ווייטער: צום טרויעריקסטן ברודערקריג...

ווי שוין פריער דערמאנט — הויבט זיך די יידישע גבורה ניט אן מיט דעם יעצטיקן פאלעסטינע, נאר מיט די אמאליקע גיבורים געהייליקט פון דער געטלעכער אידייע אין דעם לאנד; ווו גאט איז היינט ניט מער הייליק...

יידישע גבורה מיינט אויך די אמאליקע פאסיווע קדושים וואס זענען געגאנגען אויפן שייטערהופן מיט — שמע ישראל, און וועבט זיך צענויף מיט די אלע זעלבסטשוצן, פארטיזאנען אין די וועלדער וואס האבן געשטריטן: פאר גאט, מענטש, פרייהייט און גליק...

און דער העכסטער אויסדרוק פון יידישער גבורה דוכט מיר מיינט — ווי ידן האבן דאס תמיד אין די אנטשיידנדיקסטע געשיכטלעכע מאמענטן באוויזן: דאס צענויפזאמלן אין זיך דעם בעסטן און גרעסטן פסיכיש און גייסטיקן כוח, אויף צו קאנען אקייגן שטעלן זיך אפילו אקייגן דעם גרעסטן שונאס געפערלעכסטע וואפן, פון פיזישער פארניכטונגסגעוואלט, — מיט דער איינציקער איי־



ביקער וואפע: פונעם מענטשנס ווידערשטאנד פון זיין גייסט און נשמה... מיר גלויבן אן דער דאזיקער יידישער גבורה — וואס אויסערלעך מיינט זי די גרעסטע הילפלאזיקייט; און אינערלעך בילדעט די הילפלאזיקייט די גרעסטע גבורה... ווי דאס יידישע פאלק האט עס אויך לעצטנס באוויזן.

אודאי זענען די מיטלן און קרבנות געווען טרויעריקע וואס מיר האבן געברויכט דערצו; אבער ווער קאן עס זאגן אז אונטער אזעלכע פארצווייפלטע אומשטענדן, וואלטן אפילו מיט בעסערע מיטלן דער קאמף מיט די קרבנות אנדערש אויסגעפאלן? און ווייל מיר גלויבן אין דער יידישער גבורה וואס האט אונדז ביז היינט נאך ניט פארלאזן, — דערפאר גלויבן מיר אויך אן יידישן קוים...

מיר זענען איבערצייגט ווי שוין אויבן געזאגט: אז פריער אדער שפעטער וועט אומקומען דער גלות פון יידן ניט דער ייד אין גלות...

און אזוי ווי די יידישע שפראך איז צייט הונדערטער יארן געווען די געטרייעסטע באגלייטערין פון ייד אין גלות, וואס האט אים ניט פארלאזן אויף אלע זיינע פארדארענטסטע, געפערלעכסטע און בלוטיקסטע וועגן, — גלויבן מיר אויך אז די דאזיקע פרייע באגלייטערין וועט אים סוף כל סוף אויך ארויספירן אין דער נייער וועלט אריין וואס וועט מגלגול ווערן פונעם גלות — צו אייביק מענטשלעכער ליבע, פרייקייט, יושר און גליק...

3

אפגעזען פון די אלע פארפאלגונגען און געפארן מיט וועלכע אונדזער יידיש איז תמיד ארומגערינגלט, סיי פון דער אויסן וועלט, סיי פון יידן גופא; פארמאגט עס פארט צום גרעסטן גליק צוויי מעכטיקע זיילן — וואס פארטיידיקן און באשיצן עס שטעטס פון אונטערגאנג...

און דאס זזענען די רעליגיעז־ארטאדאקסע, און די סאציאל־ראדיקאלע עלעמענטן פונעם יידישן פאלק. די דאזיקע האבן תמיד א טיפע הייליקייט אין דער שפראך אריינגעהויכט.

און שטיצנדיק זיך אויף די צוויי געוואלטיקע כחות, — קאן מען אנעמען אז די כחות וועלן אין דער צוקונפט אויך די יידישע שפראך שטיצן...

די דאזיקע וואס גלויבן אינעם אייביקן קיום פונעם יידישן פאלק, מוזן אויך קומען צום גלויבן אן יידישן גאט... און מ'קאן ניט גלויבן אין יידישן גאט — אן דער יידישער פרייקייט...

ווייל פריי איז דער יידישער גאט, ער האט פיינט בתכלית־השנאה יעדערליי קנעכטשאפט. ער ליבט דעם פרעמדן, און לאזט דעם געדריקטן און שוואכן קיינמאל ניט באעוולהן. ער פראקלאמירט יובל און שמיטה — די פונדאמענטן פונעם סאציאליזם...

ווייל ניט דער וואס באזיצט די מאכט האט דאס רעכט, — נאר דער וואס באזיצט דאס רעכט, צו דעם געהערט די מאכט...

אזוי דרינגט עס ארויס פון זיינע עשרת־הדברת, — וועלכע לייכטן אריין אין אלע אייביקייטן, און וועלן ניט ווערן פארלאשן אזוי לאנג ווי די וועלט וועט באשטיין... צי עס איז א גליק, אדער אן אומגליק — וואס יידן זענען א וועלט־

פאָלק, איבער דעם זענען פאַראַן חלוקי דעות. צי דאָס איז גוט צי שלעכט, ווייס איך ניט גענוי... וואָס איך ווייס אָבער יאָ, איז — אַז אַזוי גיך וועלן מיר עס ניט אויפהערן צו זיין.

ארץ ישראל אַליין ווי עס זעט אויס, איז ווייט ניט בכח צו לעזן די יידנ־פראַגע. דערפאַר בלייבט אונדזער גורל אויך אויף ווייטער, (אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פעלקערס) נאָר פאַרבונדן מיט דעם גורל פון דער גאַנצער וועלט...

איז, דערפאַר זענען מיר געצוווּנגן צו גלויבן — און מיר גלויבן אויך באמונה שלמה: אין דעם רעליגיעזן און סאָציאַלן פּראָגרעס פון דער מענטשהייט, אַז ניט — וועלן אונדז אויך קיין 10 פּאַלעסטינעס ניט קענען אַרויסהעלפן...

דורך דער לעצטער מלחמה איז די וועלט געוויער געוואָרן: אַז אַנטיסעמיטיזם, פירט צו פאַשיזם, — און פאַשיזם פירט צום אונטערגאַנג פון דער גאַנצער מענטשהייט... האָט די וועלט אַ צוקונפט דאַן האָט דאָס יידישע וועלטפאָלק אויך אַ צוקונפט אין דער דאָזיקער וועלט...

און אַזוי ווי די שפּראַך פון דעם וועלטפאָלק איז יידיש, — דאַן האָט במילא אויך יידיש אַ צוקונפט ביים יידישן פאָלק...

סיידן ס'וועט אונטערגיין אין אַסימילאַציע, — ווי די דייטשע, ענגלישע און פראַנצויזישע יהודים, וואָס האָבן זיך פון יידיש דערווייטערט...

עס איז קלאָר, אַז מיט דעם קיום פון יידיש, — ווערט אויך גלייכצייטיק באַשאַפן די מעגלעכקייט: פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. און דער עיקר — דאָס אומאויפהערלעכע ווייטערדיקע שפּינען פון דעם גאָלדענעם פאָדעם, פון אונדזער טרויעריק שיינער און גרויסער פאָלקסטראַדיציע...

ווער עס פאַרשטייט די אידייע פון יידישיזם, דער מוז אויך פאַרשטיין — ווי נייטיק עס איז אונטער אַלע באַדינגונגען און שוועריקייטן, יידיש אַפילו דאָרט איינצופירן און נייטיק צו מאַכן ווו מען ברויך עס גאָרניט...

מחמת אויך אַסך קולטורעל־סאָציאַלע פּראָבלעמען, — זענען אונטער אַזעלכע סאָציאַלע און אומסאָציאַלע שיכטן נייטיק געמאַכט געוואָרן, וואָס האָבן זיי לחלוטין ניט באַדאַרפט; און היינט קאָנען זיי אָן די דאָזיקע ניט אויסקומען...

אָבער אַז יידן דאַרפן האָבן יידיש איז קלאָר, — ווייל אָן יידיש זענען זיי ניט קיין גאַנצע יידן...

אַזוי ווי איך גלויב ניט אַז יידן וועלן אונטערגיין פון אַסימילאַציע, — אַזוי גלויב איך אויך ניט אַז יידן וועלן אונטערגיין פון אַ נייעם אַנטיסעמיטישן פאַרניכטונגס משוגעת, אויב אונטערגיין — וועט די אַטאָמבאָמבע שוין זאָרגן דערפאַר אַז אַלע זאָלן צוזאַמען אונטערגיין. די צוקונפט פון יידיש ליגט אין דער צוקונפט פון ייד, — און די צוקונפט פון ייד, ליגט אין דער צוקונפט פון דער רעליגיעז פּראָגרעסיווער וועלט...

און אַזוי ווי דער ייד וועט פאַרבלייבן אין דער וועלט — וועט יידיש פאַרבלייבן ביים ייד...



## הערש שישלער (יאָהאַנעסבורג)

# יידיש

(רעפלעקסן און שטריכן)

נישטאָ נאָך אַ שפּראַך אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן אַזוי פיל שונאים, ווי עס האָט די יידישע שפּראַך. יידיש קען מען זאָגן איז אַ וועלט שפּראַך און האָט אַ וועלט מיט שונאים.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געהערט, אַז מען זאָל האַסן און זיין געגנער פון דער איטאַלענישער שפּראַך, פון דער פלעמישער שפּראַך, סלאַווישע שפּראַכן און נאָך און נאָך אַנדערע שפּראַכן.

ווי מיר זעען האָבן אַלע פעלקער פון דער מענטשהייט גרויס רעספּעקט פאַר יעדע שפּראַך וואָס קורסירט נאָר אויף אונזער וועלטל. קיינער פּרובירט זיי נישט אַרונטעררייסן און קיינער איז פון זיי נישט קיין געגנער אָדער שונאים.

שפּראַכן מיט קלענערע קולטורן פון קליינע פעלקער איז נישט צומערקן, אַז זיי זאָלן האָבן שונאים. די יידישע שפּראַך אָבער, אַ שפּראַך מיט אַ רייכער קולטור אונטער זיך, האָט אַזוי פיל שונאים, אַזוי פיל, וואָס וואָלטן איר וועלן דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער....

מיר קאָנען דרייסט און מיט שטאָלץ זיך אויסדריקן, אַז די יידישע שפּראַך איז אַל־וועלטלעך אוניווערסאַל און אינטערנאַציאָנאַל, ווייל מען קען מיט איר, מיט דער יידישער שפּראַך אויספאָרן אַלע עקן־וועלט, פּונקט ווי מיט אַ וויזע, אַ פּאַספּאָרט — און אומעטום קען מען דאָך מיט יידיש זיך פאַרשטענדיקן און אויסלעבן — און דאָך האָט די, די יידישע שפּראַך שונאים.

אין שאַנכיי, בוענאָס־איירעס, יאָהאַנעסבורג, ניו־יאָרק, מעלבורן, וואַרשע, פּאַריז, לאָנדאָן, תל־אביב, שטאָקהאָלם, אַנטווערפּן — אין אָט די אַלע מקומות און אין אַנדערע, אַז פון אחינו בני ישראל פאַלט דאָרטן אַריין, אויפן אייביקן יידישן וואַנדער־וואָגלער, איז דאָס ערשטע מוז ער דאָך און ער באַנוצט זיך טאַקע, מיטן יידישן וואָרט, מיט דער יידישער שפּראַך — דאָס וויכטיקסטע פון זיין באַגאַזש אין וועג.

יידיש איז אַ קייט וואָס האָט אירע רינגען געשמידט אין אַלע טיילן וועלט, דאָס זעלבע איז, אויך מיט אירע שונאים, אויך שונאים האָט יידיש איבער גאָר דער וועלט.

יידיש האָט אָבער כוח און בלוט און איז שטאַרקער פון אירע שונאים, זי באַקעמפט זיי, זי האַלט זיי אויס און לעבט זיי איבער — אַזאַ קראַפט האָט יידיש!

מען האָט שוין אַזוי פיל מאָל פאַרבאָטן דאָ און דאָרט, אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט, דאָס יידישע וואָרט, הן דאָס געשריבענע און הן דאָס

גערעדטע — און דאָך האָט עס אויסגעהאַלטן און איבערגעלעבט אירע שונאים מיט די גזירות.

די היטלעריסטישע קאַניבאַלן האָבן יידיש צושטערט, חרוב געמאַכט, ממש אָפּגעווישט פונם שענסטן און טייערסטן יידישן צענטער אין אייראָפּע. יידיש איז דאָרטן ארויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל — און דאָך נישט ארויסגעריסן! יידיש בליט און וואַקסט, יידיש גייט ווידער אויף אויף די חורבות פונם אומגעברענגטן יידישן לעבן„ יידיש לעבט ווידער, יידיש האָט אַ קראַפט, אַ שטאַרקן כוח צולהכעיס אירע שונאים — די יידישע שפּראַך און קולטור מיטן יידישן לעבן לאָזט זיך נישט און קען נישט אומגעבראַכט ווערן.

אין די געטאָס אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער בעת אונטערערדישע אַרבעט, וואָס יענע מאַרטירער — יידן האָבן אָנגעפירט געגן בלוטיקן שונא, איז אַלץ געפירט געוואָרן אין יידיש. אין דער שפּראַך וואָס האָט געהאַט אזוי פיל שונאים און וואָס איז געווען מיט אזוי פיל געפאַרן בעלאָדן.

מיטן יידישן וואָרט אויף די ליפּן, זענען אונזערע קדושים געפאַלן אינם קאַמף מיטן בלוטיקן שונא.

עס זענען שוין באַלד אַריבער צוויי יאָר, אַז יידן זענען פטור געוואָרן פון איר גרעסטן שונא — און דאָך איז נאָך אַלץ נישט אין אָרדענונג אויף אונזער וועלטל, יידן שלעפּן זיך אַרום נע־ונד, אַביסעלע סימפּאַטיע ביי דער וועלט פאַר זייערע ליידן און איבערלעבונגען, זעט מען נישט — און די יידישע שפּראַך וואַנדערט מיט און לייד מיטן קליינעם הייפעלע ניצול געוואָרענע היימלאָזע יידן, וואָס די וועלט איז געגן זיי.

אַ שיינע שפּראַך יידיש, אַ רייכע קולטור און אזוי פיל שונאים האָט זי.

נישט נאָר די אומות העולם, די קריסטלעכע וועלט, זענען די שונאים פון יידיש, צום גרויסן באַדויערן און ווייטיק, זענען ליידער אויך אחינו בני ישראל„ אונזערע טייערע יידילעך, אַ געזונט זיי אין די קעפּעלעך, שונאים פון יידיש. . . .

און דאָס איז טאַקע מער ווייטאָקלעך און פאַרדריסלעך, אייגענע שונאים זענען דאָך אפשר מער געפערלעכער פון פרעמדע, פון אייגענע איז שוין גאָר נישט לייכט זיך אויסצוהיטן אָדער פטור צו ווערן. . . .

אזוי פיל שונאים האָט די יידישע שפּראַך, האָט זי נאָך יידישע אויך!

די אַסימילאַציע וואָס רייסט און שניידט ווי מיט שאַרפע מעסער זיך אַריין אין די רייען פונם יידישן פאָלק, פאַר'סם'ט און פאַרפּעסט דאָס יידישע לעבן. ווי די אַסימילאַטאָרן מאַכן חרוב די יידישע קולטורעלע דערגרייכונגען, זיי שניידן אוים די יידישע צונג ביים יידישן קינד און ביים יידישן פאָלק, זענען זיי נישט קיין קלענערע שונאים פון די קריסטלעכע, פון די נישט יידן, פון יידיש.

די יידישע יוגנט און די יידישע קינדער רייסט מען אַוועק מיט געוואַלט פונם יידישן לעבן, פון יידישע טראַדיציעס און מנהגים — און דער עיקר



פון דער יידישער קולטור און יידישער שפּראַך. זייערע פירער אָדער פאַרפירער, זייערע טאַטעס און מאַמעס וואָס האָבן נישט געקענט און קענען נישט קיין אַנדערע שפּראַכן, ווי די שפּראַך וואָס זייערע אור־עלטערן האָבן זיך אויסגעלעבט, מיט דער יידישער שפּראַך וואָס קלינגט פון איין עק־וועלט ביזן צווייטן, זיי זענען אויך געוואָרן פינסטערע שונאים פון יידיש, זיי פירן אַרונטער פון וועג„ פון יידיש יחוס־טראַדיציאָנעלן וועג אויף וועלכע זיי זענען געגאַנגען און גיין נאָך, ווייל ווי זיי זאָלן זיך נישט וועלן אַסימעלירן און האַסן יידיש, וועט דאָך דאָס זיי נישט געלונגען, דאָס האָט אונז שוין געלערנט די לעצטע ביטערע פאַרגאַנגענהייט, מיר האָבן געהאַט אַ לעקציע וואָס האָט צו טייער געקאָסט דאָס יידישע פאָלק.

זאָלן עס געדענקען יידישע עלטערן, זאָלן עס געדענקען יידישע פירער און סתם יידן וואָס זענען געוואָרן שונאים פון יידיש. יידיש איז נאָך אַלץ אַ שפּראַך וואָס ווערט באַנוצט פון מיליאָנען יידן אין אַלע עקן וועלט. אויף אַלע וואַנדערונגען וואו יידן שפּאַרן אַלץ אָן היינט צו טאָג, פירן זיי מיט מיט זייערע אָרעמע באַגאַזשן די יידישע שפּראַך, די שפּראַך וואָס איז זיי נאָענט און צום הארצן, זייער גרעסטער פאַרמעגן און טרייסט אין די שווערע טעג אין זייערע שווערע איבערלעבונגען, איז דאָס יידישע וואָרט וואָס זיי קענען זיך דערמיט אזוי לייכט פשוט־יידישלעך פאַרשטענדיקן איבער אַלע ווייטע וועגן און שלאַכן פון דער וועלט.

יידיש! ווי שיין און הארמאָניש דיין אָפּקלאַנג איז, ווי ווייט דיין עכאָ לאָזט זיך הערן, וויפל פאַרגעניגן — אויף צולהכעיס אַלע דיינע שונאים.

---

## א בריוול פון די יינגע פאעטעסע חוה ראזענפארב

ליבער פריינט רעדאַקטאָר,

איך בעט אייך זייער איבערצודרוקן אין אייער זשורנאַל „לשון און לעבן" מיין פאָלגנדע באַגריסונג. איך דאַנק פון פאָרויס.

מיט גרוס,

חוה ראַזענפאַרב.

בריסל, דעם 2-14-47.

איך בין פול מיט דאַנקבאַרקייט צו אַלע מיינע פריינט, צו „פריינט פון יידיש לשון" אין לאָנדאָן, פאַר זייער וואַרעמער אויפנאַמע פון מיין לעצטנס־דערשינענעם בוך לידער.

פול מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זייער פאַרשטיין און אָפּשאַצן די טאַט פון משה עובד, וועלכער האָט מיר דאָס ביכעלע אזוי שיין ארויסגעגעבן.

מיט בעסטע גרוסן,

**חוה ראזענפארב**

# „אַ גאָלדפאַרן חלום“...

פונם „אַ גאָלדפאַרן חלום“ וועלכן יעקב ראָטבאום האָט אינסצעניזירט און אויפגעפירט דאָ אין „ניי יידיש טעאַטער“ און וועלכער האָט געזאָלט, אַזויצוזאָגן, באַשמעלצן דעם „ווינטער־סעזאָן“ מיט קינסטלערישן רום און מיט מאַטעריעלן דערפאָלג האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ פוסטקייט אויפן האַרצן. עפּעס איז נישט געבליבן קיין שום ממשותדיקס פון דעם קולות וברקים טאַראַראַם — אַ מעטעאָרן שטערן איז פאַרביינגעפלויגן, זיך אָנגעצונדן מיט בענגאַלישע פייערן און פאַרלאָשן געוואָרן.

נאָך גרויסע און עכטע קונסט אָבער בלייבט אַ מין אַראָמאַט, וואָס באַגלייט אַ לענגערע צייט, וואָס גייט איינעם נאָך אויף שריט און טריט. —

אפילו נאָכן פראָסטן זומער סעזאָן פליען אַ גאַנצן חודש דערנאָך אַרום די „באָבע יאַכנעס“ און פילן אָן ס'האַרץ מיט כישופדיקן מיענטע געשמאַק און מיט האָפּ־שטאַרק....

אָן שום ספק איז יעקב ראָטבאום אַ טעאַטראַל וואָס האָט קינסטלערישן בראַוואור, אויסגעהאַלטענעם טאַקט און אַ סך טעכניש קענען און מיטלען פון מאָדערנער אינסצעניזירונג. ראָטבאום האָט אפילו נישט קיין מורא פאַר אויסערלעכע עפעקטן און די נויטיקע טריקס, וועלכע זיינען נויטיק אַזוי שטאַרק פאַרן „ליבן פובליקום“....

אָבער אויף „זיכער“ קאָן מען אפילו דעם עולם גולם אויך נישט נעמען! דער „לא ברעש ולא בכוח“ איז אָפּנים, אפילו געזאָגט געוואָרן אויף צווייטער מדרגהדיקע קונסט אויך....

עמך האָט נאָך אַ יידישלעכע נאָז!.. וואָרים פונקט ווי מ'טאָר ניט מאַכן קיין פּאַפּורי פון יידיש פאָלקס לידער (מאַלע וואָס מאַנכע פלאַכע חזנים און זינגער שונדיסטן טוען עס יאָ!) טאָר מען אויך נישט מאַכן אויך קיין פּופּן־רעווי פון גרויסע נאַציאָנאַלע טעאַטער פּיעסן — עס וועט קיין חזן נישט מאַכן קיין פּאַפּורי פון ליטורגישע תפילות און קיין ענגליש טעאַטער מענטש רעפּליקן־רעוויו פון שעקספּירס דראַמעס.

קינסטלערישע עקספּערימענטן, ווי אויסגעהאַלטן פאַכמעניש זיי זאָלן נישט זיין, זיינען זיי קוים צווייט־מדרגהדיק, ווען עס פעלט דער גרויסער הדרת הכבוד צו די גרויסע אייגענע שאַפונגען.

טעכניק איז דער „קקיון דיונה“ פון דער קונסט, די געמיטלעכע, צופּאַסנדיקע וואַריאַציעס! דאָס אייביק לעבעדיקע, אָבער איז די איינמאָל דערלעבטע גרויסע וויזיע.

אַ פאָלקס ליד מוז געזונגען ווערן ביזן העלן טאָג אַריין, און דערנאָך נאָך זינגט עס אין קאָפּ דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג, און אַ גאָלדפאַרן פיגור באַגלייט איינעם פון דער בינע אַראָפּ און גייט לעבהאַפטיק נאָך דאָס גאַנצע לעבן.

„אַלטע מייסטער פון אַמאָל“ ווערן ניט צעלומיעט און צעלייגט ווי טיילן



פון האָלץ־פּופּן, פון דאָ אַ האַנט פון דאָרט אַ פוס און ס'ווערט רעקאָנסטרואירט צומאָל אַ געשמאַק סחורה'לע פאַר דער קאַסע.... אַז אויך דער עסטעט זאָל אפילו קומען און גענעסן!....

אַלטע מייסטער פון אַמאָל זיינען אַנטיק! ס'האַרץ עפענט מען אויף ווי אַ צירונג קעסטעלע, אָן אויסגעבעטס מיט סאַמעט און מיט זיידנס און אין טיול אַ געהילטס נעמט מען אַרויס דעם טייערן אַנטיק — אַ טוליענדיקע בת מלכה פון אַ קינדער מעשהלע. אָט אַזוי־אָ מוז מען צו גיין צו אַלטע מייסטער!

אברהם גאָלדפאַרן די האַראַפּאַשנע פרייד און דער האָקום פּאָקוסניק פון אונזער נייער יידישער ליטעראַטור — בלינד פון שנאה מעג שוין די גאַנצע וועלט ווערן אין אונזער בלינדער האָצמאַך וועט טאַנצן אויף זייער בייזוואונדער, אַלעמען אויף צופּיקעניש; פאַרבלענדן אונזער פינסטער־וועלטל מיט פרייד, ציענדיק ווי אַ קונצן־מאַכער זיינע פאַרביקע בענדער פון זיין מויל אַרויס.

דאָס איז דאָך די גרויסקייט פון אונזער קלאַסיקער מיט לינעצקי און מענדעלע אָנגעהויבן, אַז זיי האָבן דאָס בילד פון יידישן לעבן ניט „פיין“ רעטושירט פון אונזער נעגאַטיוו. נאָר אונז „אַראָפּגעכאַפּט“, אָפּגעפאָטרעטלט אַזוי ערלעך און געטריי און פאַרדערפאַר איז זייער שרייבן אַזוי פּאָזיטיוו, אַזוי געוואַלטיק.

אברהם גאָלדפאַרן געהער צו יענער גרויסער צייט, ווען מיר האָבן נישט געמוזט זיין רק ראָמאַנטיש סענטימענטאַל, צי גאָר ציניש־דעקאַדאַנס — צו דערציילן זיך פון אונזער גרויסקייט, אָדער צו מאַכן „געניאַלע“ שטיק!

פאַר אונז וואָס נאָך דעם אַלעמען וואָס ס'איז געשען, נאָך די גאַנצע שנאה און רציחה, וואָס האָט זיך אויף אונז אויסגעגאָסן וועלן מיר נישט אויסמעקן דעם ישעיהו פסוק: „הוי גוי חוטא זרע מרעים בנים משחיתים“, וועט האָצמאַך דער „מיאוסער שווינדלער“ בלייבן אַלץ דער טאַטע פון שלום־עליכמס מנחם מענדל — אַז קיין נעגעלע זאָל אים נישט געמינערט ווערן.

ער איז דער סימבאָל, דער מאָנומענט פון די מיליאָנען אונז פאַרטיליקטע!

זיי וועלן מיר מוחל זיין די אַלע טעקסט שרייבער און מאָלער און „רע־פּראָדיוסער“ פון „אַ גאָלדפאַרן חלום“. אַז דאָס ערשטע זייטל פון די „באָבע יאַכנע“, נישט פונם טעקסט צומאָל, נאָר בלויז דאָס אויסרעכענען פון די פּערזאָנען האָט מער טעאַטראַלע קונסט דיכטעריש וואָרט. — און ווער רעדט ערשט פון קאָליר און פאַרב. — ווי דאָס גאַנצע פּופּן־רעווי פון לעבעדיקע בילדער, באַטעמט און באַגראַמט, „אָרגאַניזירט און האַרמאָניזירט“ מיט „פּראַכטפולע רעזולטאַטן“ פון גראַנאָווסקי פּיסקאַטאָ.

מיר האָבן גאָר נישט צו אַזאַ „קולטור קאָמפּאָרט“, ווען ער „קומט צום סאַמע סוף פון אונזער קולטור געברויך“ — פיין, געשמאַק־פול מיט קינסטלערישן טאַקט — דאָס ביסעלע קאָנדענסירטע דעקאָרענס קיצלט אַ קונסט־ליבהאָבער, אַ טעאַטערגייער, נישט ווייניקער ווי אַ געשמאַקער שונדישער

וויץ אויף דער בינע. . אז פיינע דיכטער־עפיגאָנען צעשאָקלען זייערע קינצלעך־צעשויבערטע קינטלער־לאָקן, עפּענטלעך אויף דער סצענע, ווירקט עס נישט ווייניקער ווי פון א פרימאַדאָנע מיט א פיין אָנדעלירטן פּאַרוק. . . .

ריכטיק, מאַנגער! „גיט־ברודעריש און דאָך דערהויבן קינסטלערישע וויזיעס און ווערטן“! אויך אייער קעפּל „איך, גאָלדפאַדן און די כישוף־מאַכערין“ האָב איך נאָך געקאָנט אויפפאַסן אויף א מיין „איציק שפּיציק“ אופן. אָבער ווי, זאָגט מיר זאָל איך קאָנען פאַרשטיין אָט אַזאַ מין מאמר המוסגר:

„די באָבע יאַכנע, דער טשוואָק פון דער גאָלדפאַדן־פּיעסע, אַן אָפּנאַרערקע און א אונטערצינדערקע, האָצמאַך, דער פּאַיאַץ פונם שפּיל, שווינדלט אַזוי מיאוס אין עפנטלעך אויפן מאַרק, אז ס'איז פּשוט — שפּיי זיך אַליין אין פּנים. אַלע טענות אַנטקעגן דער פּיעסע זענען געווען גערעכט, נישט נאָר פונם פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פאַרעלטערט און פּרימיטיוו. אויף די צוויי שיינע לידער, וואָס מירעלע זינגט, קען מען דאָך נישט בויען א מאָדערנעם טעאַטער־שפּיל“.

און נאָכמער, איר וואָס נישט נאָר דעם גאָלדפאַדן חלום האָט איר צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן קלאַסיקער אונזערן, נאָר דעם פּאָעטישן צוזאַנג אייערן און אַפילו די טריקס און דאָס חומשדיקע פון אייערע לידער האָט איר א סך צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און פאָלקס־דיכטער אברהם גאָלדפאַדן ווי קאָנט איר אים אין איין טאָפּ אַריינוואַרפן מיט משה ריכטער?

ווער, ווער — אָבער איר איציק מאַנגער?!

באמת, נישט אויף אייער כבוד האָב איך דערמלסט חס געווען (כאָטש אייער כבוד וואָלט איך אויך געוואָלטן שוינען, און איר ווייסט גאָר נישט ווי איך שוין אים, ווייל איין טראָפּעלע יידישער טאַלאַנט מוז איבער ווענן די וואַגשאַל... איר האָט מער ווי א טראָפּן!). ווען איר זענט אַרויף אויף דער בינע מיט אייער „פּערפעקטן“ ענגליש און ערקלערט מיט כל הפּאָעטישקייט, כדי נעבעך אַרויסצורייסן עפּעס אַן עפעקט פון א צענטראַנגיקן ענגליש רעפּאָרטערל, וועלכער איז אפשר געזעסן אין דעם געפּאַקטן טעאַטער יידיש ריידנדיקע, אַז גאָלדפאַדן האָט נישט געשאַפן קיין לעבעדיקע מענטשן, נאָר מאַסקעס, און ווי דער גרויסער שעקספּיר האָט געמאַכט פון עפּעס אַן אַלטן ענגלישן טרובאַדור, וועלכער האָט אויך געמאַכט נאָר מאַסקעס, זיינע דראַמעס, האָט איר פון גאָלדפאַדנס מאַסקעס געמאַכט — — —

אַז אַך און ווי אַז צו דעם האָט איר זיך אויסגעלערנט ענגליש!

באמת נישט אויף אייך האָב איך חס געווען, נאָר אויף יעקב ראָטבאום'ן, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער בינע און זיך מסתמא געבאָדן אין חרפּה און אין בלוט! — א קינסטלער מיט טאַקט, געפיל און מענטשלעכן דרך ארץ.

שוין, אַז ראָטבאום האָט אַריינגעפירט די „עוזר“ פיגור אין דעם פּאַנטאַמינען שפּיל, איז א גרויסער באַווייז, נישט נאָר פאַר זיין געניטען ווייסן וואָס



איז אַזוינס בינע קונסט און סצעניש האַנדלונג — ווייל ווען נישט עוזרס באַלעבן דעם מאַסקעראַדן געטענצל וואָלט דאָך נישט נאָר האָצמאַך געחלומט נאָר דער טעאַטער עולם געגענעצט. נאָר מיט דעם באַגייסטערטן און פּאָעטישן סופלאָר עוזר קומט דער חלום כאָטש באַלויכטן פון א גלאָריע פונם גרויסן אברהם גאָלדפאַדענען, דעם טאַטן פון דעם יידישן טעאַטער.

אַז וואָס וואָלט געווען פון דעם גאַנצן זיגנדיקן פּופּן־שפּיל, אַז דער „טשוואָק“ דערפון איז — ווען דער גאַנצער עולם פּלאַצט אויס אין א געלעבמער! — ווען די קאַראַלאָווע קומט אַריין מיטן האָלצערנעם חתן? אַז כבר היה בעלמא: ווען קאַראַלאָווא איז אַריינגעקומען (אין עפּעס א שונדרשטיק מיטן הינטל „יונה“. . . . האָט דער עולם זיך נאָך הילכיקער און העכער צעלאַכט. . . . און אַז פרוי בוים שטייט אַזוי גרויסקינסטלעריש מיט אַלע פּראַכטפולע רעזולטאַטן“ פון „מאָדערנעם טעאַטער שפּיל“, מיט וואַלגער־האָלץ — ווי גראָטעסק נעבעכדיק ווערט אַזאַ וויזיע, וואָס מען באַווייזעוועט אַזוי. . . .

א נס וואָס עוזר, דער באַגייסטערטער דוד סעגאַל, באַווייזט זיך און עס דערשיינט די בענקעניש כאָטש, דער אַפּאָטעאָזן געזאַנג, דער „גיט א שבח“ דעם מייסטער אברהם גאָלדפאַדן.

און אונזערע אַקטיאָרן, זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי שפּילן גאָלדפאַדן! כאָטש גיב צעלניקערן א פּיצעלע האָצמאַך, וואָס ער מוז ערשט טיילן מיט מאַקס בוימען און א פּוקסן און צומאָל מיטן „לייוועגט פּאַרקויפער“. (אַפּנים ער איז דאָס „דער שימערדיקער מעטערלינק שלייער!“).

ווי א לעמעלע נעבעך איז ער שטיין געבליבן אַזוי מיט דער גרויסער מאָדערנער קונסט מיט א פּוס אין דער הויך — איי וואָלט מען אים ליבער געלאָזט אָפּשפּילן א האָצמאַך אַזוי ווי עס שטייט אין פּסוק!

דער „נתן הכהן“ איז פּשוט געווען א בלאַזפּאַמי פון יידישער קונסט!

ווי האָבן זיי מיר לייד געטון די צוויי אַקטאָירן אַקסעלראָד און שערמאַן, וואָס זיינען נאָך געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דעם גרויסן טעאַטער מכשף אברהם גאָלדפאַדן, וואָס זייערע פּנימער שטראַלן אויף, ווען זיי הייבן אָן צו דערציילן פון יענער עפּאָכע, און דער יונגער פּאַול גאָלדשטיין, וואָס האָט פּאַראַיאָרן ערשטן וועלטן איינגעלייגט מיט זיין ויזתא, אינסצעניזירט פון א.־מייזעלס און דאָ שטיי ווי א נאַר אויפן מאַרק און קיי פּאָעזיע.

אַז ס'איז נאָר געווען א מינוט אויף דער בינע עפּעס צו טון האָבן די ברעטער געציטערט! ווי באַגייסטערט, ווי צעקאָכט אין דער זשאַנדאַרמסקע יוכע האָט טוניס געדרייט זיין שאַבלע און זיינע וואָנסעס.

און ווי מ'האָט דאָס נעבעך באַשטאַטעט די געניאַלע „באָבע יאַכנע“.

יאָ אַז מהאָט געהערט בלומענזאָנען זינגען מיט זיין יידישער בענקעניש און חנה צעלניקער אין איר באַחנטקייט, האָט מען געטראַכט: יאָ, אויף די צוויי

שיינע לידעלעך בלויז, וואָס מירעלע זינגט קאָן מען בויען יידיש טעאַטער — און ווי בויען!

מיר דאַנקען ראָטבאַומען פאַר זיין אויפפירונג, פאַר דער חיי שעה וואָס מיר האָבן געהאַט, די שיינע מינוטן בשעת דעם שפּילן! די פּוסטקייט אויפן הארצן וואָס אינז דאָ איז געבליבן, האָט זיכער אַ סך צו טון מיט דעם אויפגעהויבענעם שטויב פון איינעם פון די טעקסט־שרייבערס.

איינס נאָר פאַרשטיי איך נישט וואָס דער שטויב האָט זיך ערשט אויפגעהויבן נאָכדעם ווי ער, דער „הויפּט טעקסט שרייבער“ האָט נאַכט נאָך נאַכט זיך אַרויפגעשטעלט אַרויף אויף דער בינע, איינצוקאַסירן די 90 פּראָצענט כבוד און זיך געלאָזט פונם רעזשיסאָר, פונם דירעקטאָר, פונם ענגלישן פּרעסע אַגענט „אינטראָדיוסן“ זיך... און דערנאָך ערשט סאַמע נאָכן גרויסן דערפאָלג נאָכן גאַנצן ווינטער־סעזאָן ערשט אַרויס מיט זיין ויצעקו: „פלשתים עליך ישראל!“....

צום סוף וויל איך נאָך זאָגן מאַנגערן אַז זיין ס.אָ.ס.־אַלאַרם, וואָס דער ענגלישער רעפּאָרטער האָט אים נישט באַשריבן אויף די גאַזעטן, ווי דעם הויפּט שעפער פון שטיק, איז אַ נישט גערעכטער, אַז ער איז זיך אַליין שולדק. הערנדיק דעם „פּערפעקטן“ ענגליש פון דער יידישער בינע אַראָפּ האָט ער זיך געטראַכט: מילא איז נאָך אַ האָצמאַך אויף דער בינע! מאי כולו האי, מוז מען אים אין די ענגלישע גאַזעטן באַשרייבן?

יאָ, מאַנגער, ס׳איז באמת דאָ וויכטיקערע זאַכן איצט און ס׳וואָלט שוין צייט געווען, אַז איר זאָלט עס וויסן.

און אויב איר ווילט עס נישט וויסן, זאָלט איר אָבער דאָס וויסן, אַז די גאַנצע יאָרן דאָ, אייער „אינטערדאָסן“ זיך און אויף ענגליש אין די גרויסע פענסטער האָבן אייך נאָר „פּאַרדראָסט“. וואָרים אויב אָן אייגענער פויגל מוז שוין באַשמוצן דעם נעסט אין וועלכן ער זיצט, הערט מען דאָך דערפאַר פון צייט צו צייט זיין שיין זינגען. אָבער פרעמדע, צענטראַנגיקע? וואָרים העכער קאָנט איר דאָך מיט אייער „פּערפעקטן“ ענגליש נישט דערגרייכן.

דאָס לעצטע דאָ איז פון גאַנצן האַרצן און גוט ברודעריש, פריינט מאַנגער! און אויב אייער אָריגינעלער „אַ גאָלדפאַדן חלום“ איז טאַקע אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס מיר געטרויען אייך אַז ס׳איז אמת. (אייער געשריי אָבער, אַז מ׳האָט אייך די קאַפּאָטע געקוילעט, גלויבן מיר אייך נישט, ווייל איר זענט דאָך געווען יד אחת מיטן וועלט־באַרימטן רעזשיסאָר ביז צום סוף פון „די קאַלאָסאַלע קינסטלערישע דערפאָלגן“...) גיט דאָך דאָס שטיק אויפצופירן מיר האָבן דאָ צוויי יידישע טעאַטערס און גוטע טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן, גיט עס דאָך אַרויס אין בוך פאָרעם, איר זענט אַ באַקאַנטער יידישער דיכטער, און מען מוז גאָרנישט אַזויפיל קעמפן פאַר וועלט־באַרימטקייט דאָס צו קענען דערגרייכן אין יידישן לאָנדאָן.

ש....



# צום יובל פון ר׳ אברהם מאַנדי

(50־יאָריקע טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר פון יידישן שעלטער)

„פריינט פון יידיש לשון“ באַטיילקט זיך אין די באַגריסונגען צום יובל פון 50 יאָריקן טעטיקייט אַלס סעקרעטאַר אין יידישן שעלטער פון דעם באַקאַנטן עסקן און געזעלשאַפטלעכן טוער ר׳ אברהם מאַנדי. נישט נאָר האָט פריינט מאַנדי אַ באַציאונג צו יידישע קולטור־טעטיקייט, נאָר די יידישע שפּראַך געהער ביי אים צום ענין יידישקייט. בשעתן „בליץ“, ווען אונזער זאַל וואו מיר האָבן געהאַט אונזערע ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, איז געבאָמבט געוואָרן, האָט דורך זיין שתדלנות דער קאָמיטעט פון יידישן שעלטער אונז געגעבן דעם גרויסן זאַל פון יידישן שעלטער צום געברויך פאַר אונזערע ליטעראַרישע אָוונטן.

זאָל עס אויך דאָ פון דערמאָנט ווערן, צום טאָג פון זיין פייערונג, אַז אויף זיין איניציאַטיוו און אָנגעשטרענגטער אַרבעט, האָט ער מיט צענדליקער יאָרן שוין צוריק, אַדורכגעזעצט ביי דער ענגלישער און אַמעריקאַנישע רעגירונגען אָנצונעמען יידיש ווי אַ שפּראַך, בכדי די צענדליקער טויזנטער יידישע עמיגראַנטן און דורכוואַנדערער זאָלן קאָנען ווייטער קומען צו זייער רייזעציל, ווייל בעז־גראַמענטניקעס, אַנאַלפעבעטן האָט מען נישט אַריינגעלאָזט אין — אַמעריקאַנישע לענדער.

אַ סך פון די אַמעריקאַנישע איינגעזעסענע יידישע בירגער ווייסן שוין מסתמא גאָר נישט, אַז ווען נישט יידיש, ווען נישט די יידישע שפּראַך זייערע וואָלטן זיי גאָרנישט אַריינגעקומען אין די „גאָלדענע לענדער“, ווי דער פאַל איז אין יענע יאָרן געשען מיט צענדלקער טויזנטער בעזגראַמאָטנע רוסן און פּאָליאַקן — איז יידיש אַ פּנים דאָך אַ שפּראַך!....

„יש קונה עולמו בשעה אחת“! ר׳ אברהם מאַנדי וועט שוין אַריינגיין אין אונזער יידישער קולטור־און שפּראַך־קאַמף מיט דער איינער טאַט אַליין שוין. און מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן אַרבעט און דערפאָלג אויף אַלע זיינע רעליגיעז־דערציערישע און געזעלשאַפטלעכע געביטן.

# קולטור ידיעות פון דאַ

*　　*

די סעריע לעקציעס פון לעאָ קעניג איבער דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אונטערן נאָמען „ליטעראַטור און פאָלק“, וואָס דער אַרבעטער־רינג האָט איינגעאָרדנט וועלן זיך ציען נאָך דעם גאַנצן חודש מערץ יעדן זונטיק 3 אַ זייגער ביי טאָג.

*　　*

מיר דערוואַרטן דאָ בקרוב די דיכטער חיים גראַדע א. סוצקעווער און ש. באַטערגינסקי.

*　　*

דער יידישער ליטעראַטן און שרייבער־פאַראיין האָט איינגעאָרדנט אַ גלעזל טיי פאַר דעם זשורנאַליסט י. סאָסנאָוויטש, וועלכער האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן און זאַכלעכן רעפעראַט

איבער ארץ־ישראל פון וואו ער איז יעצט צוריקגעקומען פון זיין שליחות פון „סאנדי טיימס“.

* *

דער גראנד פּאַלעי טעאַטער פייערט דעם 20־טן מערץ דעם 25־יאָריקן יובל פון זיין עקסיסטענץ. צו דעם צוועק פירט מארק מאַרקאָוו אויף די „פּוסטע קרעטשמע“ פון פּרץ הירשביין.

* *

עס איז געלונגען מאַרקאָוון אַראָפּצונעמען פון דער אמעריקאַנער זאָנע די אַקטיאָרן יצחק קרעלמאַן, דאָרא קרעלמאַן און הערש עזריאל. מיר באַגריסן זיי צו זייער אָנקומען איצט אין לאָנדאָן.

* *

דער ארץ ישראלדיקער שרייבער משה פּראַגער איז חבריש אויפגענומען געוואָרן פון פריינט פון יידיש לשון ביי א גלעזל טיי.

* *

א. מייזעלס דער לייטער פון נייַ־יידישן טעאַטער, וועלכער איז צוריקגעקומען פון זיין שליחות אין אמעריקע האָט געהאַלטן א רעפעראַט אין די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס וועגן זיין איינדריקען אין אמעריקע.

* *

„פריינט פון יידיש לשון“ האָט פאַרן אָפּפאָרן פונם באַקאַנטן רעזשיסאָר יעקב ראָטבאום געמאַכט א פייערלעכן באַנקעט לכבוד אים און איציק מאַנגער אין די טרופּע פון נייעם יידישן טעאַטער צום אויפפירן פון „גאָלדפאַרן חלום“.

* *

דאָס גלעזל טיי שבת דעם 15־טן ביי „פריינד פון יידיש לשון“ איז געווידמעט דעם פּאָעט ס. פּאַלמע צום דערשיינען פון זיין נייעם בוך.

* *

דעם 16טן מערץ פּאָרט משה עובר און דאָרא דימאַנט פון פריינט פון יידיש לשון נאָך לידס אויף א ליטעראַרישן אָוונט.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

אין בערנארד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנארד סטריט, א.1. — 3 בייטאָג

שבת, דעם 1־טן מערץ — א שמחה סנה פּאָרלעזונג פון זיינע כתבים.

שבת, דעם 9־טן — די טראַדיציאָנעלער פורים פייערונג.

שבת, דעם 15־טן וועט עקיבא גאָלדשטיין (פון הסתדרות אין א"י) האַלטן א פּאָרטראַג 25 יאָריקער יובל פון עמק ישראל.

שבת, דעם 22־טן וועט שלמה אייערבאַך האַלטן א פּאָרטראַג איבער דעם העברעאישן באַקאַנטן פּאָעט שימינאָוויטש, וועלכער איז איצט געוואָרן 60 יאָר.

שבת, דעם 29־טן געווידמעט ס. פּאַלמען צום דערשיינען פון זיין בוך „רינגען און קייטן“.



P. & P. METALWARE
AND ENGINEERING CO.
1, (rear) EVELYN STREET,
DEPTFORD, S.E.8.
Tel.: BERmondsey 1681.

ספּעציאַליסטן פון לייכטע קאָנסטרוקציאָנס־ארבעטן, אויטאָגניש שווייסן, מאַשינען פאַרריכטונגען און עלעקטר. אינסטאַלאַציעס.

ווערקס־מענעדזשער :— א. פּאַלושאַק

דער פּלאַץ איז רעזערווירט פאַר י. ביעטש

דער „מאָרגען - זשורנאַל“ פון ניו־יאָרק איז די פירענדע יידישע טאָג־צייטונג אין אמעריקע.

דער „מאָרגען - זשורנאַל“ איז די איינציקע יידישע צייטונג אין דער וועלט, וואָס האַלט אויס אין לאָנדאָן א ספּעציעלן ביוראָ, כדי טעלעגראַפיש צו אינפאָרמירן טאָג־טעגלעך זיינע הונדערטער טויזנטער לעזער וועגן אַלגעמיינע און יידישע געשעענישן אין אייראָפּע.

די „מאָרגען - זשורנאַל“ לעזער אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד קאָנען באַשטעלן די צייטונג, ווען זיי שיקן צו פאָראויס א טשעק אָדער פּאָסטל־אָרדער אויף £4.10.0 פאַר א יאָר, אָדער £2.7.6 פאַר זעקס חדשים. שרייבט דייטלעך אייער נאָמען און אדרעס (אין בלאָק־שריפט) און שיקט אייער באַשטעלונג אויפן אדרעס :

*JEWISH MORNING JOURNAL,* Europeon Buraus, 66, Woodland, Golders Green, London, N.W.11.
*Telephone* SPEedwell 7935

יידישער טעאַטער „גרענד פּאַליי“, קאָמערשל רויד, א.1.

מאַרק מאַרקאָוו און עטא טאָפּעל

טרעטן אויף מיט זייער קינסטלער טרופּע

טעגלעך יעדן אָוונט — 7.30

86

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאַנג　　אפריל 1947 לאָנדאָן　　נומער 4 (העפט 87)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

די פערזענלעכקייט י. ל. פרץ — ** .. 1
א טאָג (ליד) — דוד האָפשטיין .. 5
די שווארצע גבורה פון גאָלדענע בריליאַנטן — משה עובד 6
לידער (א תפילה, אָנדענק, אין וועג) — יצחק ווינער .. 10
יציאת מצרים — די נייט פאר אַן אייגענער סביבה — נחום שטענצעל .. 12
פאַר פסח (ליד) ש. זאלקין .. 14
דער צעשטערטער סדר (דערציילונג) קיטי בראון .. 15
פרילינג, אין דער נאכט פארן געטאָ אויפשטאַנד (לידער און באַלאַדע) — א. נ. שטענצל .. 21
„פען דע מאָנדיזם" (עסיי) — לעאָ קעניג .. 25
נאכט סצענע (ליד) — דוד זיידענפעלד .. 28
זאַק-לייוונט און די אנשי־מעשה (סקיצע) — ראָז ל. הענריקעס 29
דער מאַרש פון די באפרייטע אין בעלזן־בערגן צייכנונג — ראָז ל. הענריקעס .. 30
זיבן חדשים יידיש טעאטער אין די עסטרייכישע לאַגערן — יצחק קרעלמאַן .. 31
סצענע־בילד פון „בלוטיקן שפּאַס" .. 32
מיינע אויגן זעען אַלעס אויסגעדרייט (געדיכט) — מנחת כהן 33
אזאַרטשפּילן ביי יידן (רעצענזיע) — דר. יעקב מייטלים 34
וואָס איך דענק וועגן לעמך'ן — בן־א סאָכאַטשעווסקי 42
ס. פאַלמע (רעצענזיע) — אייזיק גאָלדבערג .. 44
נעט רובין אין „ר' סנדר" (בילד) .. 47
וועגן „פאָעטישע" מאָטיוון — יעקב שמואל טויבש .. 49
י. ל. פרץ אינם רוהר־געביט — אליהו פאַלושאַק .. 51
אַן ענטפער א „באָד - יונג"! — — — — — — — — ש. .. 56
אַלעק וואַטערמאַן אין בריסעל ביי דער „סאָלידאַריטעט (באַריכט) — אברהם בוימערדער .. 59
קולטור ידיעות מארבע כנפות הארץ .. 61
ידיעות פון דאָ .. 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס .. 64

פרייז 1 שילינג

אבאָנענטס־פרייז:—13/6 פאַר א יאָר;
אין אויסלאַנד:—3 דאָלאַר א יאָר
1/3 פאַר א פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א. 1.

ס. און ב. פלאַסטיקס לטד.
פאַבריקאַנטן און עקספּאָרטערס
21, Berwick Street,
London, W.1
*Telephone:* GERard 7543

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

זיינוויל דיאַמאַנט
„אונטערן האַקנקרייץ"
א באַנד נאָוועלן 216 זייטן
דערשינען אין פאַרלאַג א. ב. צעראַטא, פאַריז. באַשטעלונגען ביי:
E. Paluszak, 64, Lauriston Rd.,
Hackney, E.9.

ניי-יידיש טעאַטער
פאַלקס הויז (בית עם לטד.) אדלער סט., א.1
דירעקטאָריום: וו. קאָסאָף, ה. רייפּעלזאָן, מרס. שאַפּירא.
טשערמאַן: מ. ביטלער. אָנפירונג: א. מייזעלס. האָנ. סעק.: ז. ביטלער.

מאיר צעלניקער
און די פאריזער שוישפילער
מרים קאראלאווא און לעאָן בלומענזאָן

צוזאמען מיט די שוישפילער לויטן א"ב:
פרויען:— אנא בוים, שוועסטער טענטלער, קלאַרא מייזעלס, מעטא סעגאַל, אנא צעלניקער, איידא שערמאַן, מיני שערמאַן.
מענער:— מאָררים אַקסעלראָד, מאַקס בוים, פאול גאָלדשטיין, הערמאַן טונים, דוד סעגאַל, א. פוקס, יאָזעף שערמאַן א.א.
מוזיק דירעקטאָר: פהיל בערנשטיין. בינע מענעדזשער: זשאַק טשעפּל

יעדן אוונט פאָרשטעלונג (פרייטאָג געשלאָסן)
שבת און זונטאג מאַטינע 3 בייטאג
אוונט 7.30

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*